№ 44.

צווייטער יאהרגאנג

יודישע פאלקס-צייטונג

ז' חשון תרס"ד. — פערלאג „פאלקס-בילדונג" ווארשא. — 28 October 1903.

אינהאלט: די אספה אין ארץ ישראל; צ. שמואלזאן. — די מזרח־אפר־קאנישע פראגע. — בריף פון ענגלאנד; י. מ. הלוי זאלקינד. — פאליטישע ענינים. — נייעס פון דער וואך: I וועלט נייעס; II יודישע נייעס; III ציוניסטישע נייעס. — די צוויי ברידערלעך (ערצעהלונג); אברהם רייזען. — די ענוה (שיר); יהואש. — פינסטער (ערצעהלונג); מ. ערליך. — די בוזרים; ש. י. סטופניצקי. — לעבען און געזונט זיין; ד"ר ב.

יודישע פרויען־וועלט: I אלגעמיינע נייעס; II יודישע נייעס. — ווי זאל מען בעהאנדלען די דיענסטען? ל. ניימארק. — מודעות

פעליעטאן: נאך דער חלוקה; שלום־עליכם.

צו מיינע תלמידים

וועלכע האבען ערלערנט ביי מיר „מלאכת טריפאואקק" פאר איינינע יאהר פון פאריז: זאלען זיי מיר באלד מודיע אין זייערע יעצטיגע אדרעסען, וועל איך זיי ארויס שיקען א נייעם ספר הלמוד פון דער געזאגטער מלאכה מיט פיעלע ניצליכע הוספות, אומזיסט אהן געלד.

1—2 Я. Найдичъ, Варшава. (260)

הוצאת „תושיה":

ביבליותיקה עברית: מאתים ספרים בכל מקצעות הספרות. יצאו עד היום מאה ושבעים וחמשה ספרים. מחיר כל ספר 40 ק. פאר' 4 ק' נמצאים להמכר גם מכורכים בשלשים וחמשה כרכים (חמשה ספרים בכל כרך לפי סדר הוצאתם), מחיר כל כרך 2.25 רובל פאר' 20 ק. הקונה כל הביבליותיקה ישלם רק 40 רובל עם המשלוח — אחרי תם הוצאת כל ספרי הביבליותיקה (במאתים הספרים) יהיה מחיר הביבליותיקה **ששים** רובל.

ביבליותיקה לבני הנעורים: I. לילדים: 171 חוברות. מחיר כל חוברת 4 ק', מכ' 5 ק. פארטא לכל חוברת או לשלש ביחד 2 ק'. כל 5 חוברות בכרך אחד מכורך בבד אדום 25 ק', ע"פ 30 ק'. כל 10 חוברות בכרך אחד מכ' הדר 50 ק' ע"פ 56 ק'. כל 15 חוברות בכרך אחד מכ' בבד הדר 75 ק', ע"פ 85 ק II. לנערים: 91 חוברות מחיר כל חוברת 6 ק' פארטא לח"א או לשתים ביחד 2 ק'. כל 5 חוברות בכרך אחד מכורך הדר 40 ק', ע"פ 46 ק'. כל 10 חוברות בכרך אחד מכורך הדר 80 ק', ע"פ 90 קאפ'.

ספרי עם: 73 נומרים [י"ט ספרים]: מחיר כל נומר 10 ק'. פארטא לכל נומר או לשנים ביחד 2 ק'. נמצאים להמכר גם בכריכות יפות. מחיר כל כריכה 10 ק'. הקונה כל הקבוצה בכריכה לא ישלם בעד המשלוח.

ספרים שונים: 1] פרץ סמולנסקין (תולדות חייו) — ר בריינין. מחירו 1 ר'. ע"פ 1.12 ר. 2] תולדות היהודים — י פרנקל חלקי א' ב' ג' 50 ק', ע"פ 55 ק' כ"א; חלקי די ה' 75 ק', ע"פ 85 ק' כ"א. 3] בין תקוה ויאוש (ע"ד הציוניות) — א סגל. 8 ק' ע"פ 10 ק. 4] כנסת הגדולה (הקונגרס הציוני השני) — נ. סלושץ 40 ק', ע"פ 46 ק' 5] מפת השמים (ספר עם מפה) — מ. וכר. 50 ק', ע"פ 32 ק 6] הקונגרס הציוני הרביעי (ב' מחברות) נ. סלושץ כל מחברת 20 ק', ע"פ 24 ק'. 7] Ново-Еврейская Литература XIX-го вѣка. I. Клаузнера. Цѣна 50 коп., съ перес. 56 коп.

ספרי למוד ומקרא: אלפא ביתות מצוירות בצבעים (ע"פ השטה הטבעית) — ערוכות בטבלאות, במחברות, בתבות ניר ובקוביות, ספרי למוד לראשית הקריאה והכתיבה העברית, מתדות, כריסטומתיות, ספרי משלים, קובצי אגדות, קובצי שירים, ספרי דקדוק אנתולוגיות, תולדות ישראל — במחירים שונים.

Издат. „ТУШИЯ", Варшава. -- Verlag „TUSCHIJAH", Warschau

הוצאת תושיה.

מלון
של כיס.
מעברית לרוסית ואשכנזית (באותיות עבריות)
מאת י. גרזובסקי, בהשתתפות י. קלויזנער.

א) במלון הזה באו כל המלים, שבאו בתנ"ך לכל הוראותיהן, אחת מהן לא נעדרה.

ב) משני התלמודים והמון המדרשים נכנסו לתוך המלון הזה כל המלים, שחזותן מוכיחה עליהן, כי עבריות הן ורק במקרה לא באו בתנ"ך, וגם רוב המלים הארמיות, הסוריות, היוניות והרומיות, שיש להן איזה ערך שמושי. כמו כן נכנסו בו כל המלים הסוריות, היוניות והרומיות, המשמשות בספרותנו החדשה, יהי איזה ערך שיהיה להם.

ג) מן הספרות המאוחרת נתקבלו לתוכו כל המלים חשובות והנחוצות. שבאו בספרי הגאונים וחכמי ספרד, בספרות המקובלים והרבנים המאוחרים. וגם בכל ספרותנו החדשה, כפי שהתפתחה במאה האחרונה.

ד) כל המלים המחודשות בעשרים השנים האחרונות נבחרו היותר מקובלות וכל אלה שמקורן העברי נכר בנקל.

ה) מן המלים הלועזיות, המקובלות בכל השפות האירופיות באו במלון הנוכחי כל המלים הנחוצות ביותר, והנן מתורגמות רוסית ואשכנזית ומבוארות גם עברית.

ו) כל הבטויים המיוחדים, יהיו מן המקרא או מן התלמוד והספרות המאוחרת, שיש להם ערך שמושי, מתורגמים בו רוסית ואשכנזית.

ז) כל מלה עברית, שהבנתה קשה מעט, היא לא רק מתורגמת עברית ואשכנזית, כי אם גם מבוארת במלים עבריות אחרות.

ח) על יד כל פעל מסומנת מלת החבור (או אות החבור), שהוא מתקשר אתה (כמו „האבק עם", אבד ל-, מ-). כמו כן על יד השמות, שאפשר לטעות בהם, רשומה ברתוקים גם צורת מספר הרבים שלהם.

ט) המלים התלמודיות, המחודשות והלועזיות, נבדלות מן המלים המקראות ע"י סימנים שונים.

י) כל המלים שבאו במלון הזה סודרו לא ע"פ שרשיה, כנהוג במלונים העברים האחרים, כי אם ע"פ צורתן בשמוש הלשון, בכדי להקל על המשתמשים בו.

וזאת לדעת, כי אף אם אין במלון הזה כל חקירות פילולוגיות, הנה מיוסד פירוש כל מלה ומלה שבו על חקירותיהן היותר מדויקות והיותר חדשות של טובי הפילולוגים החדשים.

המלון נדפס בפורמט קטן, הפורמט הנהוג במלונים-של-כיס בכל הלשונות, ובאותיות פטיט בהירות, למען יהיה המועט מחזיק את המרובה ויהי דבר השוה לכל נפש. גם נדפס על ניר משובח ובתכלית ההדור.

מחירו 2.35 רובל, עם המשלוח 2.50 רובל, מכ' 2.75 רובל.

Издат. „Тушія" Варшава. | Verlag »Tuschija« Warschau.

נאָך נישט קיין געוועזענער צופאל!!!

אזוי ווי ביי אונז איז דא א גרויסער זאפאס סחורה, האבען מיר זיך בעשלאסען פון יולי אהן צו בעשטימען א פרייז, וואס איז נאך נישט געווען: פאר 6 רובל מיט 50 קאפ. שיקען מיר ארויס פיער זאכען, וואס קאסטען אין געווענדער פערקויף 12 רובל מיט 75 קאפ. 1) א נוטע טאשען־זייגער פון עכטען פראנצויזישען גאלד וויעך" אויפצוציעהען אהן א שליסעל אדער א דאמען־זייגער 6 רובל 50 קאפ. 2) א פראנצויזישע קייטעל אדער צו א דאמען־זייגער א האלז־קייטעל פון דעם אייגענעם מעטאל 1 רובל 50 קאפ. 3) א פאריזער קאמפאס אדער א בוזאקלע מיט רייצענדע פיגורען פון פערשיעדענע שענהייטען 50 קאפ. 4) איין עלעגאנטען רינג פון מאססיווען גאלד 56 די פראבע, נייע פאסאנען מארקיז ארומגעשאטען מיט עכטע פאריזער ברילאנטען, און אין מיטען א רובין, סאפיר, איזאומרוד אדער בירוז לויט ווי דער בעשטעלער קלויבט אויס 4 רובל 25 קאפ. צוזאמען 12 רובל 75 קאפ. נאר פאר 6 רובל 50 קאפ. די אייגענע זייגערס מיט קופערטען מיט די אלע ביילאגעס מיט 2 רובל טהייערער. די זייגערס ווערען צוגעשיקט אבגעצויגען און אויס רעגולירט אויפ׳ן מינוט לויט די ווארשעווער אבסערוואטאריום צייט מיט א קאווציאן פאר ריכטיג געהן אויף 6 יאהר. בעשטעלונגען ווערען תיכף ארויסגעשיקט מיט א נאלאזש אהן האנד־געלד. צו אדרעסירען:

Варшава »Континентъ« Центральная почта № 473.

1000 ביז 2000 רובל זייטיגע הכנסה יעדעס יאהר

קען האבען יעדער, וועלכער פאר 300 ביז 600 רובל (מען קען אויס־צאהלען אין ראטעס) שאפט זיך איין פון אונז א מאשינע מיט א בע־שרייבונג, וועלכע לערנט אויס ווי איינצוארדענען א זאיואד אליין אהן שום הילף פון איין אנדערן און אהן שום לערנען פאר דעם, ווי צו מא־כען אלערליי סארטען געטרענקע פון פרוכט, יאגדעס, סעלטערס און אנדערע מינעראל־וואסער, פערשיעדענע קוואסען, פראנצויזישע געטרענ־קע און וויין: סידר, שאמפאניער, אריענזשען א. ד. ג. — דעם חשבון וואס דאס דארף קאסטען אין פאלשטענדיגען פראקטישען פרייז קוראנט מיט אילוסטראציעס שיקט ארויס פאר צעהן זיבענקאפעקעדיגע פאסט־מארקען די פאבריק פון מאשינען: (237) 6—5

Фабрика машинъ ИППО и Ко. въ Варшавѣ,
Грибная ул, собств. домъ № 15н.

דיא ערשטע און איינציגע
מעכאנישע פאבריק צו רעפארירען שוה־ווערק.

А. Гринштейнъ, Варшава, Новолипки № 58.

נעמט אן צו רעפארירען אלערליי שוה־ווערק, עס מאכט קיין אונטער־שיעד נישט פון וואס פאר א גאטונג לעדער עס איז. דיא לאטעס ווערדען געקלעפט מעכאניש, גאר אהן נעהטע און די רעפארירטע שוהע קומען ארויס ווי פון דער ניי, נישט צו דערקענען אויף זיי דעם מינדעסטען צייכען פון רעפארירען.

פראווינציער, וואס ווילען זיך עפענען אזא פאבריקעל, קען איך מיט זיי איינגעהן לויט בעשטימטע בעדינגונגען, ווי איך וועל ענטפערן יעדען, וואס וועט ארייננשיקען א פאסט־מארקע פאר 7 קאפ.

דיא פאבריק איז יעצט איבערגעגאנגען אין מיין אייגענטהום און ווער עס וויל דארף זיך ווענדען נאר צו מיר

А. Гринштейну, Варшава, Новолипки № 58.

פיליאלען: I פראנציסקאנסקא 3 אין טויער. II טווארדא 22 וואהנונג 42 אין צווייטען הויף. 229 25—17

רעפעראציאן ווערד פערפערטיגט ווארטענדיג.

לעזט און הערט דעם אמת!!

אלע אנאנסירטע ברוכבענדער מיט עלעקטריע היילען נישט אויס קיין שום ברוך. דאס גוטיגקייט פון איינען ברוכבאנד איז נור ער זאל פעסט איינהאלטען דעם ברוך און נישט דריקען דעם קערפער.

זאלכע פערפערטיגט אין אייגענער פאבריק וועלכע איז בעהרט געווארען מיט מעדאילע פון דער דאקטארסקע אויסשטעלונג

Д. Мошковскій, Варшава
Налевки № 37 (135) 50—33

היימישע מיטאגען!

צו מעססיגע פרייזען, אויך פער־שיעדענע צייטונגען צום לעזען ביי

אהרן משכיל־לאיתן

ווארשא, גענשע 13, וואהנונג 7, אין טהויער, 2 שטאק. 50-29 (192)

НУЖНЫ АГЕНТЫ 261 50—16

для сбыта издѣлій штемп. фабрикаціи и патент. предметовъ со значительн. прибылью. Первоклассн. производство. Не смѣшивать съ другими мелкими заведеніями. Рефлектанты благовол. указать родъ занятій и адр. Каталоги и условія безплатно. Конт. паров. типогр. и фабр. штемп. И. ЗИМАНЪ, г. Бѣлостокъ

НОВАЯ КНИГА

„СОВРЕМЕННАЯ ПАЛЕСТИНА"

въ физико-этнографическомъ и политическомъ отношеніяхъ

составилъ И. Белкиндъ.

Книга эта иллюстрирована, содержитъ 19 печатныхъ листовъ на веленевой бумагѣ и имѣетъ 11 географическ. картъ

Цѣна книги 1 р. 40 к. въ изящн. переплетѣ 1 р. 90 к.

ПРОДАВЦАМЪ ОБЫЧНАЯ СКИДКА.

СКЛАДЪ ИЗДАНІЯ

при Типографіи и Фабрикѣ Писчебумажн. Издѣлій Торговаго Дома

Г. М. ЛЕВИНСОНЪ, ВЪ ОДЕССѢ.

Желающимъ ознакомиться съ содержаніемъ этой книги безплатно высылается краткое описаніе ея.

אינטערעסאַנט׳ שיין און וויכטיג
איז דער בעריהמטער אדעסער

יודיש־רוסישער טעגליכער אבריים־קאלענדאר
(ОТРЫВНОЙ КАЛЕНДАРЬ)
אויף דעם יאהר 1904 (תרס"ד־תרס"ה)

(צווייטער יאהרגאנג)

דער אינטערעסאנטער אבריים־קאלענדאר איז זעהר שיין און רייך געדרוקט פון ביידע זייטען אויף פיין פאפיער אין א וואונדער שיינעם ארדנונג מיט א פיין איליוסטרירט ווענטל אין זעכס שיינע פארבען.

אינהאלט פון קאלענדאר:

1) יודיש־רוסיש־אויסלענדישער דאטום, (אין יודיש, רוסיש, דייטש, פראנצויזיש, און פויליש שפראכע).
2) זונן־אויפגאנג־זונן־אונטערגאנג,
3) צייט פון ליכט בענשען,
4) ראש חודש בענשען, מולדות,
5) וויכטיגע היסטארישע בעשרייבונגען,
6) יאהרצייטען פון יודישע גרויסע מענער,
7) אפאריזמען (ערהאבענע געדאנקען) שטראף־רייד,
8) טיראזשען פון די באנק־בילעטען,
9) פלאטץ אויף בעמערקונגען, (для замѣтокъ)
אויף דער צווייטער זייטע קומט.
10) וואונדער־שיינע אנעקדאטען,
11) וויכטיגעס פיר יודען, היסטארישע ערקלערונגען וועגען ימים טובים און תעניתים,
12) וויסענשאפטליכע, אינטערעסאנטע און וויכטיגע ארטיקלען.

דאס ווערטע פובליקום וועט גאנץ איבערראשט זיין פון דיעזען וואונדער־שיינעם אינטערעסאנטען וויכטיגען אבריים־קאלענדאר.

(248) פרייז 30 קאפ. מיט פארטא 40 קאפ. 15—7

4 קאלענדארען אויף איינמאל איז פארטא־פריי. — ווייניגער פון 10 קאלענדארען ווערען מיט קיין נאכנאהמע ניט געשיקט. — לסוחרים ראבאט הגון.

Книжный магазинъ Братьевъ Блетницкихъ въ Одессѣ, Еврейская № 35.
Buchhandlung Gebrüder Bletnizky in Odessa (Russia).

Nr. 44. — Jüdische Volks-Zeitung — צווייטער יאהרגאנג.

יודישע
פאלקס־צייטונג
א וואכען־בלאט פאר אלע יודישע אינטערעסען.

אבאנאמענטס־פרייז פאר רוסלאנד:
יעהרליך 4 רובל, האלב־יעהרליך 2 רובל
פירטעל־יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון
שלום עליכם": יעהרליך 5 רובל; האלב־
יעהרליך 3 רובל, פירטעל־יעהרליך 1.50
רובל. יעהרליכע אבאנענטען קענען די 5 ר'
אויסצאהלען אין ראטען: ביים אויסשרייבען
2 רובל, דעם 1־טען אפריל 1 רובל, 1־טען
יולי 1 רובל אונ דעם 1־טען אקטאבער די
לעצטע ראטע 1 רובל.
איינצעלנע נומערן 8 קאפ. 20 העלער.

פרייז פאר מודעות (אנצייגען):
פאר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ.
30 העלער, 40 פעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט
40 קאפ. 80 העלער, 80 פעניג.

די אדרעסע פאר רוסלאנד:
Издательство „Тушія" Варшава
для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ":
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

די אדרעסע פאר עסטרייך־אונגארן
און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung"
Krakau, Sebastyangasse 32.

אבאנאמענטס־פרייז:
עסטרייך־אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב־יעהרליך . . . . 5 „
פירטעל־יעהרליך . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער פרעמיע „אלע ווערק פון
שלום עליכם": יעהרליך 12.50 קראנען;
11.25 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק.
האלביעהרליך 7.50 קראנען; 6.75 מארק
6.60 שילינג; 8.40 פראנק; פירטעליעהר־
ליך 3.75 קראנען; 3.40 מארק; 3.30
שילינג; 7.29 פראנק.
ענדערן די אדרעסע קאסט 20 קאפ.
40 העלער.

28 October 1903. — Nr. 44. — ז' חשון תרס"ד.

די אספה אין ארץ־ישראל.

פונקט אין דער צייט, וואס ס'איז געווען דער קאנגרעס אין באזעל, איז געווען אויך אין ארץ־ישראל א פארזאמלונג פון די דע־לעגאטען פון די יודישע קאלאניעס אונ שטעדט אין ארץ־ישראל.

נאך אויף דער לעצטער אספה פון די חובבי ציון אין אדעסא, וועלכע איז געווען מיט 9 חדשים צוריק, האט מען בעשלאסען צו רעפארמירען דעם ועד הפועל אין יפו אונ ארגאניזירען איהם אויף אזא אופן, אז ס'זאלען קאנען ארבייטען אין איהם אלע קרעפטען, אלע טיכטיגע עלעמענטען, וועלכע מיר פארמאגען אין ארץ־ישראל. צו דעם צוועק איז געשיקט געווארען קיין ארץ־ישראל א קאמיסיע פון רוסלאנד, אין וועלכער ס'האבען זיך געפונען: אוסישקין, קלוסקין אונ דרויאנאוו. די קאמיסיע האט געטאן דעם חוב איהרען ווי ס'בעדארף צו זיין אונ נאך מעהר ווי מ'האט פון איהר פארלאנגט. אנשטאט וואס נאך דער בעשליסונג פון דער אספה פון די חובבי ציון האט בע־דארפט זיין די ארבייט פון דער קאמיסיע אין פאלעסטינא נאר אין דער ספערע, אין וועלכער ס'ארבייטען די חובבי ציון, האבען די חברים פון דער קאמיסיע פארברייטערט זייער אופן ארבייט אונ האבען אריין גענומען אין זייער פראגראמע אויך דעם אלטען ישוב, וועלכער האט ניט קיין שייכות צו די חובבי ציון. זייער ציעל איז געווען צו שאפען א גרויסע ארגאניזאציע, אין וועלכער ס'זאלען אריין געהן אלע יודען פון ארץ־ישראל, בכדי די ארבייט אונזערע אין ארץ־ישראל זאל זיין גרויס אונ זיכער, ווען זי וועט זיך טון דורך די בעסטע קרעפטען אין ארץ־ישראל.

נאך א חודש ארבייט, אין וועלכען זענען ארומגעפאהרען צעהן מענשען, ביי וועלכע ס'איז געווען שטארק דער ווילען, צו זעהן אין ארץ־ישראל א גרויסען ארגאניזירטען צענטער, אין וועלכען ס'זאלען זיך געפינען מענשען פון אלע קלאסען, אויף וועלכע ס'טיילען זיך די יודען אין ארץ־ישראל, האט זיך איינגעגעבען צו ציהען צו דער אר־גאניזאציע מעהר ווי 2000 מאן, צווישען וועלכע ס'געפינען זיך רבנים, שוחטים, לעהרערס, סוחרים, בעלי־מלאכות, דאקטוירים, קאלאניסטען. א. ז. וו.

דעם ערשטען אלול האט זיך געעפענט די אספה, אין וועלכער ה' אוסישקין איז געווען פרעזידענט. אויף דער אספה זענען געווען 70 דעלעגאטען אונ 50 געסט. צווישען די דעלעגאטען זענען געווען אויך פון די תימנים אונ די ספרדים. צום מעהרסטען האט מען גערעדט די גאנצע צייט פון דער אספה, וועלכע האט געדויערט דריי טעג, אויף העברייאיש.

איינע פון די פראגען, וועלכע האט אוועק גענומען א סך צייט אונ האט געגעבען די מעגליכקייט א סך דעלעגאטען צו ווייזען זייער „יראת שמים", איז געווען די פראגע, צי מ'זאל אריין נעמען פרויען אין דער ארגאניזאציע. נאך א גרויסער מלחמה, וואס קיין שום אנ־דערע פראגע האט ניט ארויסגערופען אזוינע, אין וועלכער ס'איז גע־פלויגען „גמרות" אונ „מדרשים" אונ גלאט אזוי „קלוגע" אונ „שטאר־קע ווערטער", האט מען ארויסגעטריבען די יודישער מוטער פון צו נעמען איין אנטייל אין אונזער פאלקס־ארבייט.

גליקליך איז אונזער באבע דבורה הנביאה, וואס זי האט גע־לעבט מיט א פאר טויזענט יאהר צוריק.

נארישקייטען אונ „קליינינקייטען" האבען זיך אויך בעמערקט נאך אין א פאר „אנגעלעגענהייטען", נאר אין דער גרעסטער מאס בעת די „וויבארעס".

בכלל איז נישט דער אינהאלט פון דער אספה דער עיקר. דער עיקר איז די אספה אליין. אט דאס וואס מיר האבען אין ארץ־ישראל איין ארגאניזאציע, אין וועלכער ס'האבען אריין געטראטען פון אלע קלאסען יודען, וועלכע ס'געפינען זיך נאר אין ארץ־ישראל, — אט דער פאקט אליין אז די לעהרער אין ארץ־ישראל האבען זיך פאר־איינינגט אונ ארגאניזירט איז זעהר א וויכטיגער אונ מיט איהם הויבט זיך אן א נייע תקופה אין אונזער ארבייט אין ארץ־ישראל.

די ארגאניזאציע וועט צו ציהען די „אלערליי מינים יודען אין ארץ-ישראל": אשכנזים, תימנים און ספרדים איינעם צום צווייטען, אנשטאט וואס ביז איצט זענען זיי געוועזען דערווייטערט איינער פונ'ם אנדערען און האבען נישט געהאט קיין שום מגע ומשא צווישען זיך. זיי האבען כמעט געלעבט ווי אבגעזונדערט, גלייך ווי זיי וואלטען געוועזען בעזונדערע פעלקער. דורך דער ארגאניזאציע וועלען זיי דערנאהנט ווערען איינער צום צווייטען און וועלען זיך איינגעוואהנען שעצען און ליב האבען איינער דעם אנדערען און ארבייטען אינאיינעם פאר כלל זאכען.

אויך וועלען די ארץ-ישראל יודען, וואס דורך די פיעלע יאהרען פון „חלוקה" און לעבען פון יענעמס רחמנות, האבען זיי אן געווארען די איינענע „איניציאטיווע" און דעם זעלבסטשטענדיגען ווילען און ארבייט, זיך איינגעוואהנען צו געזעלשאפטליכען לעבען, וועלכעס וועט ביי זיי שאפען ענערגיע און איניציאטיווע. נאר נאך א גרעסערע ווירקונג וועט האבען די ארגאניזאציע אויף דעם נייעם וואקסענדען דור אין פאלעסטינא. די ארגאניזאציע וועט פאר איהם זיין א שולע, אין וועלכער ער וועט זיך ענטוויקלען און לערנען זיך לעבען אלם מיטגלידער פונ'ם כלל און ארבייטען פאר זיך און פאר דעם כלל. דאס געזונטע און איינגעארדענטע לעבען פון דער ארגאניזאציע וועט ביי איהם פארמיאוס'ען דאס חלוקה-לעבען און שנארעריי, וועלכע סמ'ען איוועק אלע אונזערע יונגע קרעפטען אין ארץ-ישראל.

די גרינדונג פון דער ארגאניזאציע אין ארץ-ישראל איז געוויס איינע פון גאר די וויכטיגסטע ערשיינונגען אין אונזער לעבען. און אויף אונז חובבי ציון איז א חוב קדוש זעהן ניט צו פיעל מזכה זיין איהר מיט אונזער אפוטרופסות, לאזען זי פריי ענטוויקלען ביז זי זאל אריין נעמען אין זיך אלע בעסטע כחות, וועלכע ס'געפינען זיך אין ארץ-ישראל. דאן וועט זי קאנען בעווייזען איהר ארבייט, וועלכע וועט אונז פארהיטען פון פיעל פעהלערען, וואס מיר מאכען אין אונזער ארבייט אין ארץ-ישראל, ווייל מיר ווייסען ניט די אינטערעסען פונ'ם ארט און ס'איז אונז פרעמד די לאגע, אין וועלכע מיר דארפען ארבייטען.

די ארגאניזאציע - פארשטעהט זיך, נישט נאך איצט, ווען זי איז נאך שוואך — דארף איבערנעמען צו זיך אלערליי ארטען ארבייט אין פאלעסטינא, ווייל נאר זי קאן גענוי וויסען, וואס מען בעדארף צו טון, און ווי אזוי צו טון.

אחוץ וואס אין אונזער ארבייט אליין אין ארץ-ישראל דארפען מיר מודה זיין אין דער אויטאריטעט פון ארץ-ישראל'שער ארגאניזאציע און רעכענען זיך מיט איהרע מיינונגען,—אחוץ דעם דארפען מיר נאך זעהן ווירקען אויף די איבריגע חברות, וועלכע זענען זיך עוסק מיט וואס ס'איז פאר איין ארבייט אין ארץ-ישראל, אז זיי זאלען זיך רעכענען שטענדיג מיט די בעמערקונגען און אנווייזונגען פון דער ארגאניזאציע. דענסטמאל וועט אונז די ארבייט אונזערע אין ארץ-ישראל קאסטען ווינציגער מיה און וועט האבען מעהר ערפאלג.

צ. שמואלזאן.

די מזרח-אפריקאנישע פראגע.

א קארעספאנדענט פון דער ענגליש-יודישער צייטונג „דזואיש-קראניקל" שרייבט וועגען דער מזרח-אפריקאנישער פראגע: דער פארשלאג פון דער ענגלישער רעגירונג צו די ציוניסטען, גיט דער ציוניסטישער בעוועגונג זעהר א וויכטיגע ווענדונג. מען האט אפילו פריהער אויך די יודען גערופען זיך צו בעזעצען אין דעם אדער יענעם לאנד, אבער קיינמאל האט מען זיי נאך נישט אנגעבאטען איינע פון די שענסטע און בעסטע לענדער, וואו זיי אליין זאלען דארטען זיין די בעלי הבתים.

אמת אפריקא איז נאך נישט ציון, אבער עס גיט אונז דאס, נאך וואס דער ציוניזמוס שטרעבט און ווען די ציוניסטען נעמען דעם

פעליעטאן.

נאך דער חלוקה.

(א מעשה פון די רויטע יודלעך)

ארויסגעגעבען

פון

שלום-עליכם.

(פארטזעצונג).

ב.

און נאט האט צוגעהערט צו אונזער געבעט און עס האט זיך געלאזט הערען, אז מע האט אראפגעשיקט פון אויבען מארגע נפשות, אזעלכע וואס מע האט זיי ביז אהער ניט געזעהן, עפים האלב מענשען האלב מלאכים. דאס הייסט, עסען עסען זיי ווי מענשען, נאר דאס אויסזעהן מיט'ן רעדען מיט'ן באנעמען זיך איז פון מלאכים. וואוהין זיי קומען אריין ווערד ליכטיג אין אלע ווינקעלעך, שלום ושלוה צווישען מענשען. אוים קריעג, אוים קנאה, אוים שנאה, און וואס זיי זאגען פאלגט מען זיי, און וואס זיי הייסען ווערד געטאן. און הייסען זיי, מע זאל צענויפטראגען דאס גאנצע געלד פון דער וועלט אויף איין ארט, גאלד באזונדער און זילבער באזונדער און מינץ באזונדער, קיינער זאל ניט לאזען ביי זיך קיין פרוטה של נחושת, און מערקווירדיג! קיינער האט ניט געזאגט קיין ווארט, ניט איבערגעקעהרט די צונג, און מע האט גענומען צענויפטראגען דאס פארמעגען, גאלד און זילבער און קופער, פערל און דימאנטען און ברילאנטען. און שא, שטיל, אהן רעש, אהן טומעל, אהן ווערטער. דריי טאג מיט דריי נעכט האט געדויערט דאס איינקאסירען פונ'ם געלד. מע האט אנגעשאטען אזעלכע קופעס מיט גאלד, אז ס'איז געוועזען א מורא צו קוקען, און מערקווירדיג! דאס גאלד איז געליגען פראנק און פריי, נישט איין שומר, נישט איין בלויזע שווערט. שטיל און רוהיג האט מען געטראגען דאס גוטס, גאלד באזונדער, זילבער באזונדער און מינץ באזונדער. און אויפ'ן פיערטען טאג אין דער פריה האט זיך אנגעחמארעט דער הימעל, באדעקט מיט שווערע שווארצע וואלקענס, און א פחד איז געפאלען אויף אלע מענשען. אסך זענען צוגעפאלען מיט'ן פנים צו דער ערד, זיך געשלאגען אשמנו... און אסך זענען געשטאנען און געקוקט וואס וועט דא זיין? און פלוצלינג האט אויסגעבראכען א שרעקליכער דונער און א מוראדיגער בליץ האט באלייכט דעם גאנצען הימעל פון איין עק ביז'ן אנדערען עק, און מיר האבען אלע דערזעהן א מוראדיגע טאבעלע פון פייערינע ציפערען אויפ'ן הימעל:

$$15,000,000,000,000 : 1,500,000,000 = 10,000$$

פארשלאג נישט אן, בעווייזען זיי דערמיט, אז זיי זענען נישט מעהר ווי פאנטאסטיש און בעלי חלומות, אמת אז מיט מזרח־אפריקא אליין וועט נאך די יודישע פראגע נישט געלעזט ווערען אין גאנצען, אבער עס וועט א סך העלפען עס אויפצולעזען.

די געגנערס פון דעם מזרח־אפריקאנישען פראיעקט זאגען, אז ווען מען וועט געבען די יודען איין אויטאנאמיע אין מזרח־אפריקא, וועלען די רוסישע און פוילישע יודען, וואס זיי נאטירליך וועלען זיין די ערשטע און מעהרסטע קאלאניסטען דארטען, מיטברענגען מיט זיך אלע זייערע חסרונות און וועלען זיך דארטען מאכען א נייע גהעטא. אבער דאס איז דאך נישט געזאגט אויף מזרח־אפריקא אליין, אומעטום, וואו יודען פון רוסלאנד און רומעניע קומען, ברענגען זיי מיט זייערע חסרונות און מאכען זיך גהעטעס. אדרבא, דארטען וואו יודען וועלען קענען אויסמאכען די מעהרצאהל, וואו זיי וועלען נישט הייסען פרעמדע, וועלען זיי זיך בעסער קענען אבגעוואהנען פון זייערע חסרונות, וואס זיי האבען נאר דעם גלות־לעבען צו פערדאנקען. אויך טענה'ן א טייל געגנערס, אז די יודען קענען זיך נישט אליין רעגירען. אבער דאס איז נאר א טענה אויפ'ן פאפיער, דערווייל האט מען עס נאך נישט דערוויזען, אז עס איז אזוי. וואו האבען זיי זיך דען געקאנט אליין רעגירען, אין גלות? וואו זיי קענען נישט קיין פרייען שריט שטעלען? און ווידער וועלען דאך די יודען אין מזרח־אפריקא שטעהען אונטער דעם ענגלישען שוץ, זיי וועלען דאך נאר זיין ענגלישער בירגער און אויף אלעס וועט די ענגלישע רעגירונג קאנטראלע מאכען און נאר אין אמונה און נאציאנאל־ענינים וועלען זיי זיין בעלי־הבתים פאר זיך.

די ווידער וואס פראטעסטירען געגען דעם, וואס ענגלאנד וויל אזא גוט לאנד אוועקגעבען יודען און בעהאלט עס נישט ליבערסט פאר איהרע אייגענע, זענען אויך נישט גערעכט. ענגלאנד גיט אוועק די יודען אזא לאנד, וואס ביז היינט האבען נאך די ענגלענדער נישט געוויזען, אז זיי האבען דארטען לוסט זיך צו בעזעצען, ווייל זיי איז אין דערהיים אויך גאנץ גוט, נאך וואס זאלען זיי געהן זוכען אין דער פרעמד גליק, אז זיי האבען עס אין דערהיים. יודען אבער וועלען גערן אין דעם לאנד רייזען, נאך גערנער ווי אין ארגענטינא און אין קאנאדא, ווייל דא בעקומען זיי איין אויטאנאמיע. קוים וויסען די יודען, אז דארטען זענען זיי דאס רוב אנגעוויזען נאר אויף קאלאניזאציע וועלען זיי זיך סטארען צו זיין גוטע קאלאניסטען.

טייל ווידער שרעקען זיך, אז מען וועט נישט קענען איינארדנען א מדינה, וואס זאל זיך קענען פיהרען לויט אלע דינים פון דער תורה און דעם תלמוד, דאס איז אבער אויך איין אומזיסטער שרעק, אדרבא, נאר אין אונזער אייגען לאנד וועלען מיר קענען פריי אבהיטען אלע אונזערע דינים און מיר וועלען אונזערע שבתים און ימים טובים נישט דארפען מחלל זיין, ווי מיר זענען געצוואונגען צו טון אין גלות. נאטירליך, אזוינע חומרות, וואס וועט נישט לאזען די קאלאניזאציע זיך ענטוויקלען, ווי שמיטה וכדומה וועט מוזען אבגעשאפט ווערען און דאס וועט אודאי געשעהן מיט א התר פון די גרעסטע רבנים.

בריף פון ענגלאנד.

די אוגאנדא־פראגע, וואס האט נאך נישט לאנג אזוי שטארק אינטערעסירט די פרעסע און די עפענטליכע מיינונג איבערהויפט אין ענגלאנד, איז איצט גאנץ אראב פון דער ביהנע. ענגלאנד האט איצט צו טון מיט איהרע אייגענע אינטערעסען, און די דאזיגע אינטערעסען זענען זעהר וויכטיג. טשעמבערלען האט אוועק געלעגט זיין אמט, איין מיניסטער זאגט זיך אב נאך דעם אנדערען. די ליבעראלען רייסען זיך ארום מיט די קאנסערוואטיווע און אין דער פליט סטריט (די גאס, וואו עס געפינען זיך אלע רעדאקציעס פון די גרויסע צייטונגען) איז דער עולם שטארק פארנומען. נאר די קריסטליך־פראטעסטאנ־

און מיר האבען פארשטאנען, אז דאס איז דער אמתער חשבון, אז דאס איז די אמתע חלוקה, אז דאס מאכט צעהנטויזענט קארבען אויף א מענשען. און עס האט באלד א בלאז געטאן איין אנדער ווינטל און האט צעטריבען די חמארעס, און דער הימעל האט זיך אפגערייניגט און איז געווארען לויטער ווי קרישטאל, און די זון האט אראפגעקוקט און געשיינט ווי גין־גאלד, זוי די לופט איז געווארען פריש, און די ערד איז געווארען יום טוב'דיג, און די מענשען זענען געווארען אלע פרייליך און מונטער, די פנימער האבען געשיינט, ארימע לייט האבען זיך ארומגענומען און געקישט, און איטליכער איז זיך צוגעגאנגען איינציגווייס צום גאלד, זיך אפגעצייהלט פונקט זיין חלק נאכ'ן צאהל פון זיין הויזגעזינד; א געזינדעל פון פיער פארשוין האט גענומען פערציג טויזענט קארבען, א געזינדעל פון אכט פארשוין האט גענומען אכציג טויזענט קארבען, איין מענטש אליין האט גענומען נאר צעהנטויזענט קארבען, און מערקווירדיג! קיינער האט נישט גענומען נישט מעהר נישט ווינציגער. און ביז אויף דער נאכט האט דער עולם צענומען דאס גאנצע געלד און מען איז זיך בשלום ושלוה צעגאנגען אהיים לעבעדיג, פרייליך, געזונגען לידער און געלויבט גאט פאר זיין עהרליכקייט און גערעכטיגקייט, פאר זיין גרויס גענאד און בארמהערציגקייט, וואס ער האט זיך סוף כל סוף ארומגעקוקט אויף די זינדיגע מענשען און אויסגעלייזט די וועלט פון גרויסע אומגליקען, וואס האבען געקאנט נישט זיין, דערלאזט, אז די ערד זאל חלילה חרוב ווערען איבער אזא נארישקייט ווי געלד... א גאנצע נאכט האט מען געהוליעט, כלי־זמר האבען געשפיעלט אין אלע הייזער, פלאקערס האבען געברענט אין אלע גאסען, ס'איז געווען ששון ושמחה, אור ליהודים!...

ג.

אויף מארגען אין דער פריה—איך בין נאך געלעגען אין בעט—הער איך מיין ווייבס קול:

-- וואו ביזט דו ערגעץ, מויד? טראג אריין וואסער, הייץ איין אין אויווען, מויד!

נאר מויד היינט מויד מארגען, נישטא קיין מויד! וואו איז אהינגעקומען די מויד? זי איז אוועקגעגאנגען נעכטען אויף דער נאכט איז זי שוין מעהר צוריק נישט געקומען.

— א פאטשפאלנאסט פון א מויד;—זאגט מיין ווייב און פייערט מיט סכנת נפשות—אט וועסט דו זעהען, אז איך שאף זי אפ!... און אזוי ווי זי רעדט, קומט אן די מויד אנגעטאן שבת'דיג, מיט א היטעלי און מיט א זאנטיקל און קנאקט ניסלעך.

— א גוט יום טוב דיר — זאגט צו איהר מיין ווייב — וואס ביזט דו עפיס אזוי אויסגעשטראצעלט, נשמה מיינע?

— איך בין געקומען אייך זאגען—מאכט צו איהר די מויד גאנץ אויפגעלעגט ווי א כלה—איהר זאלט זיך זוכען איין אנדער מענטשען.

— אזוי? וואס איז די מעשה?

טישע וואכען און מאנאטס-בלעטער, וואס פארנעמען זיך ווייניג מיט דער פראגע פון „פרי טרייד" (פריי האנדעל) אדער „פראטעקשען" (צאל-פרייהייט אדער צאל-איינפיהרונג פאר פראדוקטען, וואס קומען אריין פון אויסלאנד), בעשעפטיגען זיך נאך שטארק מיט דער פראגע, ווייזען אויף אוגאנדא אלס איין אצבע אלהים און בעווייזען מיט פסוקים, אז עס איז משיח'ס צייטען און די נביאות פון אונזערע אלטע נביאים וועגען קבוץ גליות וועט באלד מקוים ווערען. די ענגליש-יודישע פרעסע בעהאנדעלט נאך אויך פלייסיג די פראגע, ברענגט תמיד נוצליכע ידיעות איבער אוגאנדא און פיהרט א וכוח צווישען „יא" און „ניין". אז מען זאל אורטיילען נאך דער יודישער פרעסע קאן מען מערקען, ווי דער אוגאנדא-פראיעקט האט צוגעפיהרט די היגע יודען א שטיק נעהנטער צום ציוניזם, נאך מעהר ווי די ידיעות פון דער יודישער לאגע, וואס ווערד אלץ שרעקליכער.

אז טשעמבערלען'ס אטסטאווקע זאל האבען א ווירקונג אויף די פארהאנדלונגען מיט דער רעגירונג וועגען אוגאנדא, איז ניט צו ערווארטען. אויף טשעמבערלען'ס ארט וועט בלי ספק קומען לארד מילנער, און לארד מילנער איז בעקאנט אלס איינער וואס סימפאטיזירט זעהר שטארק מיט דעם ציוניזם נאך פון זיד-אפריקא, וואס ער האט פארוואלטעט. אלע געדענקען נאך, ווי ער האט אנערקענט הער גאלדרייך, דעם פרעזידענט פון דער זיד-אפריקאנער ציוניסטישער געזעלשאפט, פאר א קאנזול פון יודען, וואס מעג זיי ארויסגעבען „פערמיטס" (ערלויבנישען) אויף אריינצוקומען אין דאס לאנד, וואס איז געווארען אזוי שווער נאך דער מלחמה. לארד מילנער לאזט זיך נאך אפילו בעטען, אבער אלע ערווארטען, אז ער וועט אריין אין מיניסטעריום אויף טשעמבערלען'ס ארט. אויף יעדען אופן איז ניט צו ערווארטען קיין שום שנוי אין דער לאגע פון דעם פראיעקט. — ווי ערנסט ענגלאנד דענקט וועגען דעם, קאן מען זעהן פון דעם פאקט, אז די רעגירונג האט געגעבען דעם אויפטראג צו דעם בעריהמטען רייזע-ביורא פון קוק עט קאמפ. צו זארגען פאר די איינפיהרונג פון דירעקטע בילעטען פון לאנדאן קיין מאמבעזא, די אוגאנדא-ליניע און די וויקטאריא-ניאנזא אזערע ביז צו די דייטשע קאלאניעס אין מזרח-אפריקא. מען ערווארטעט בעשטימט, אז דער פארקעהר וועט איצט גרעסער ווערען אין יענע לענדער דורך די בעדייטונג וואס זיי האבען איצט בעקומען דורך די פארהאנדלונגען פון דעם מיניסטעריום מיט דער יודישער קאלאניאל-באנק.

בשעת לארד דעלמיר האט דעפעשירט פון מאמבעזא, אז די בעפעלקערונג פראטעסטירט שטארק געגען דעם פראיעקט און חברה האט אנגעהויבען ביי אונז שטארק שפיעלען זיך אין מרגלים, האט זאנגוויל אין זיין לעצטער רעדע אין לאנדאן ריכטיג בעמערקט, אז אין דעם גאנצען געגענד זענען קוים דא 500 ווייסע און לארד דעלמיר וועט שווערע מיהע האבען אפילו א קליינע פראטעסט-אספה'לע צו מאכען. איצט אז די דארטיגע צייטונגען קומען דא אן, זעהט מען וואס מען קאן געבען אויף די פראטעסטען, וואס אונזערע ווייסע חברה האט דערפון געוואלט „מאכען אזא געריכט". פאר מיר ליגען 2 צייטונגען, דער „African Standard" און די „East Africa and Uganda Mail". די ערשטע ערשיינט אין מאמבעזא און שטעהט נאטירליך אונטער דעם איינפלוס פון לארד דעלמיר. זי קלאגט און סטראשעט; מען דערקענט אבער לייכט „פון וואנען דער העכט שטינקט". די צווייטע איז איין אמת אוגאנדא בלאט און שרייבט אזוי: „עס פרייט אונז זעהר צו הערען, אז דאס אסט-אפריקא פראטעקטאראט האט זיינע פעלדער און לאנקעס געלאזען אפען פאר די פארפאלגטע יודען. ווי פרעה אין די אלטע צייטען, האבען די רומעניער בעוויזען זייער אדמיניסטראטיווע אונפעהיגקייט און זייער פינסטערקייט דורך זייער אכזר'דיגע בעהאנדלען דאס פאלק, וואס האט זיי זייט יאהר-הונדערטע אין האנדעל געשטעלט אויף די פיס. די יודען וועלען זיך פרייהען צו פארלאזען רומעניע, וואו זיי מוזען

— די מעשה... מיר זענען שוין איצטער ברוך השם בעלי-בתים גלייך מיט אלעמען. מיר זענען קיין עין הרע ניין פארשוין, האט זיך אנגענומען אויף אונזער חלק ניינציג טויזענט קערבלעך.

— זיי זענען רייכער פון אונז—זאג איך צו מיין ווייב שטילערהייד—און מיר שטעהען און קוקען איינס אויף דאס אנדערע אהן ווערטער.

— איך האב מורא, מיין ווייב, אז היינטיגס מאל וועסט דו מוזען פארקאטשען מחילה די ארבעל און זיך מטריח זיין אליין איינהייצען אין אויווען.

— א שיינע גדולה, אלע בייזע וויסטע חלומות!...

אז מיין ווייב הויבט אן בטל'ען חלומות געה איך דעמאלט אוועק פון דערהיים, אזוי בין איך מיך נוהג פון תמיד אן, און אזוי האב איך געטאן אויך איצט.

ארויסגעקומען אויף דער גאס—ס'איז שטיל, יום טוב'דיג! — אין מארק די קלייטען זענען אלע צו; מ'זעהט נישט א נפש. „דער עולם שלאפט נאך—טראכט איך מיר—רוהט זיך אויס נאכ'ן נעכטיגען טאג".

איך הויב אויף די אויגען—נחמיה דער הינגענדיגער פאפיראסניק לויפט העגדום-פענדום, שפרינגט אונטער אויף איין פיסל, און איך דערמאן זיך, אז ס'איז מיר אויסגעגאנגען פאפיראסען.

— וואוהין איז, נחמיה? שטעה א ווײלע!

— איך האב קיין צייט ניט! — מאכט ער — איך לויף אהיים.

— איין רגע! — זאג איך — איך וויל באשטעלען ביי דיר א טויזענט פאפיראסען!

— וואסערע פאפיראסען? — מאכט ער צו מיר—וואסערע לאקשען? מיין טאטע האט אוועקגעטראגען נאר וואס אין באנק אריין א פויטיקע, זאגט איהר מיר גאר פאפיראסען:

„א שיינע קאן!" טראכט איך מיר. קיין מאל האט מיט מיר נחמיה אזוי ניט גערעדט".

— איך בעדארף אבער — זאג איך — פאפיראסען! חאטש א מאה פאפיראסען!

— מילא וואס איהר בעדארפט — מאכט ער צו מיר און אנטלויפט מיט'ן קרומען פיסל און מיך לאזט ער איבער שטעהן ווי א נאר אין מיטען מארק.

„היינטיגס מאל וועל איך מוזען קויפען פארטיגע פאפיראסען"— טראכט איך מיר און לאז מיך נעהן ווייטער און דערזעה חלאוונע דעם שוסטער שטעהט ביי דער טיר פון זיין שטיבל און עס וואלגערען זיך די בעבעכעס.

חלאוונע דער שוסטער איז א יוד מיט איין אויסגעפלעקט בערדל מיט א צונויפגעצויגענער נאז, וואס פייפט און מיט שווארצע גראבע פינגער.

וואוהין איז, רב חלאוונע?

— איך קלויב מיך אריבער אין איין אנדער דירה—זאגט ער צו מיר און די נאז פייפט—גענוג שוין צו זיצען דא אין עפוש. לאזען שוין

מאכען ציגעל חאטש מען גיט זיי גיט קיין שטרוי, אונ מזרח־אפריקא וועט פאר זיי זיין א צווייטע כנען, חאטש זיי וועלען דארט ניט געפינען די וויינטרויבען פון אשכול. מיר האפען, אז זיי וועלען אונז אויך ברענגען די ברכות, וואס זיי האבען געבראכט אין אנדערע לענדער; ווייל אומעטום וואו דער יוד שטעלט אוועק זיין פוס בענשט גאט דאס לאנד אונ הייבט זי אויף צו א גרויסער האנדעל־בעדייטונג. מיר וועלען זיך איצט טיילען אין דאס לאנד מיט די יודען, מיט דעם פאלק, וואס האט אונז געגעבען דעם תנ"ך אונ א גרויסארטיגע געשיכטע, וואס ערהייבט אונזערע געדאנקען אונ לעהרנט אונז צו האפען אפילו נאך דעם טוידט. מיר וועלען די אונטערדריקטע הערצליך אויפנעמען, ווייל מיר זענען זיכער, אז די יודען וועלען מיטברענגען די ברכות פון זייער תורה אונ אונזער שיין לאנד וועט אין גיכען געבענשט ווערען מיט אלעם גוטס". — לארד דעלמיר איז פון דער האנדעלס־געזעלשאפט אין נאמיראבי (א שטאדט ביי דער אוגאנדא־ליניע, וואס פון איהר הייבט זיך אן די געגענד וואס ענגלאנד וויל אונז געבען) געוועהלט געווארען אלס פרעזידענט. האפענטליך וועט ער דורך דעם ארויסשלאגען די עטליכע פונט הוצאות וואס ער האט געמאכט ביי זיין בעריהמטער דעפעשע. לארד דעלמיר איז דא בעקאנט אלס א מענש, וואס איז נעביך קיין אנדער זאך ניט אויסען.

דעם 9 נאוועמבער ענדיגט זיך דאס אמט־יאהר פון דעם לאנדאנער לארד־מער. פאר אייניגע טעג זענען געוועזען די וואהלען. היינטיגעס מאל איז געוועהלט געווארען א קריסט, אלדערמען ריטשי. אין זיין רעדע האט דער נייער לארד־מער ערקלערט, ווי אזוי עס איז אוממעגליך צו פיהרען דאס אמט נאך אזא גרויסארטיגער פיהרונג ווי דער פאריגער סער מארקוס סעמיועל האט „מיט דער פעהיגקייט פון זיין פאלק" געפיהרט. סער פרעדעריק דיקסען־הארטלענד מאכט אויפמערקזאם אויף די וויכטיגע פאליטישע געשעהענישען פון דעם פארגאנגענעם יאהר אונ ווי דער פריהערער לארד־מער האט פארשטאנען זיין שווערען אמט צו פיהרען אונ דאנקט איהם אין דעם נאמען פון אלע אלדערמענס. צולעצט האט גערעדט סער סעמיועל אונ בעדאנקט זיך פאר דעם כבוד אונ דעם פארטרויען, וואס מען האט געהאט צו איהם בשעת זיין אמטס־פיהרונג. „א לארד־מער מוז זעהר פארזיכטיג זיין ניט נאר אין דאס אליין וואס ער זאגט, נאר אין דאס וואס ער טוט. קיין שום זאך האט מיר ניט אזוי גליקליך געמאכט ווי דאס וואס איך ווייס, אז די פארם ווי אזוי איך האב אויסגעדריקט מיינע געפיהלען איבער די בעהאנדלונג פון מיינע ברידער אין רומעניע, איז געווען אונטערשטיצט אונ געפעלען פון אלע מיינע מיטבירגער".

צום גובערנאטאר פון האנג־קאנג (א וויכטיגע ענגלישע קאלאניע ביי חינא) איז געוועהלט געווארען א יוד, סער מתתיה נתן. ער איז דער ערשטער יוד, וואס האט אזא וויכטיגע שטעלע אין דעם קאלאניאלען מיניסטעריום. סער נתן האט געענדיגט די קריגס־אקאדעמיע אין וואולימש מיט אויסצייכנונג אונ האט געדיענט אין דעם זשעניע אונ קאלאניען־מיליטער, אונ איז זעהר שנעל געשטיגען העכער פון איין אמט צו דעם אנדערען. ער האט א צייט לאנג פארוואלטעט סיעראלעאנע אונ האט ענגלאנד געבראכט זעהר גרויסע נוצען. ער האט אויך גענומען א גרויסען אנטייל אין די בעריהמטע עקספעדיציעס פון דעם נילוס (1885) אונ לאשאי (1889). נתן געהערט אויך צו די בעסטע קענערס פון מזרח אונ מערב־אפריקא. ער איז אויך א מיטגליד פון דער „אגודת אחים".

די טעג איז ערשיענען א בוך פון מאיאר עוואנס־גארדאן מיט דעם נאמען The Alien Immigrant (דער פרעמדער איינוואנדערער). עוואנס־גארדאן איז בעקאנט אלס איינער פון די הויפט־פערזאנען פון דער פרעמדען־קאמיסיאן, וואס איז געגען די איינוואנדערונג פון פרעמדע יודען קיין ענגלאנד. ווי ווייט דער נאמען „עליען" (פרעמדער) איז א כסות עינים פאר דעם נאמען „יוד", וואס מע שעמט זיך ארויסצורעדען, כדי מען זאל ניט חושד זיין אין אנטיסעמיטיזם, האט

אנדערע אביסל פארזוכען די וואנצען, איך קאן מיר שוין היינט מיט גאטס הילף פארגינען א שענערע דירה.

— גוט וואס כ'האב אייך דערזעהן, רב חלאוונע, איך דארף טאקי האבען א פאר נייע שטיוועל, איהר וועט זיך טאקי מטריח זיין את באלד אראפנעמען מיר א מאס אויף א פאר שטיוועל.

— שטיוועל? — מאכט צו מיר חלאוונע מיט א פייף — לאזען אייך שוין אנדערע נייען שטיוועל, מיט זעכציג טויזענט קארבען קיין עין הרע וועל איך מיר געפינען איין אנדער פרנסה מן הסתם. ווי מיינט איהר? הא?

דער געדאנק אז חלאוונע דער שוסטער איז א יוד פון זעכציג טויזענט קארבען געפעלט מיר זייער, אז איך צעלאך מיך אונ טראכט מיר, או איך וועל שוין מוזען קויפען זיך גרייטע שטיוועל אין קלייט, אונ איך לאז מיך געהן ווייטער אונ באגעגען אליק דעם שניידער מיט א שבת'דיגער קאפאטע אונ מיט א שפאגעל נייעם קאשקעט אויפ'ן קאפ אויסגעצויגען ווי א סטרונע אונ די קאסאקע אויגען זיינע קוקען אויף מיר אונ שמייכלען.

— גוט — זאג איך — וואס איך האב דיך דערזעהן, אליק!

— וואס איז אזוי דאס נוטסקייט? — מאכט ער צו מיר מיט א שמייכעל פון איין עזות פנים.

— איך האב דיך געוואלט בעטען זאלסט מוחל זיין אריינקומען היינט צו מיר נאכ'ן עסען.

— וואס וועל איך ביי אייך טון נאכ'ן עסען א שטיינער כדומה למשל? — מאכט ער צו מיר אלץ מיט יענעם עזות־פנים־שמייכעל.

— וואס הייסט — זאג איך — וואס וועסט ביי מיר טון? איך וויל מיר באשטעלען א נייעם גארניטער, דאס הייסט צוויי נייע גארניטערס וויל איך מיר לאזען מאכען: איינעם פון טריקא, אביסל א ווארעמערען אונ דעם אנדערען א גרינגען פון ווילוועט אויף די הייסע טעג.

— נו, וואס זשע נעהר זיך דאס אן — זאגט ער — מיט מיר?

נבהל ונשתומם בין איך געווארען פון אזא מין ענפער, אונ האב קיין ווארט נישט געקאנט מעהר ארויסלאזען, ער האט אפנים פארשטאנען, אז איך בין איבערראשט, מאכט ער צו מיר ווי א רעכטער עזות פנים:

— וואס זענט איהר אזוי אין גרימצארען? איך בין שוין היינט מיט גאט'ס הילף אויס שניידער, א בעל־הבית גלייך מיט אייך. איך פארמאג היינט פופציג טויזענט קארבונים, איהר פארשטעהט צי ניין? נון אלף רו"ב!

אונ ער טוט זיך א פאטש מיט דער האנט איבער דער זייט קעשעני אונ א קנאק מיט'ן פינגער.

— א פאלגע בלייבט א פאלגע! — זאג איך אונ לאז מיך געהן אין מארק אריין צווישען די קלייטען — ווער? וואס? נישטא א הונט! פארשלאסען טיר אונ טויער, זעלטען — זעלטען זעהט מען לויפען עמיצען פארביי שטארק פארטראסקעט, איטליכער איז פארטראגען מיט זיך, האט

מען געקאנט בעמערקען בשעת די זיצונגען פון דער קאמיסיע. וואו מען האט נאר גערעדט פון יודען, און די דייטשען, איטאליענער, פראנצויזען (וואס פאלען ווירקליך צו לאסט, ווי מען זעהט ארויס פון דער אפיציעלער סטאטיסטיק, וואס איז ארויס אין יולי היינטיגעס יאהר) האט מען אפילו ניט דערמאנט. דאסזעלבע קאן מען אויך זעהן פון גארדאנ׳ס בוך. פון די 16 קאפיטלען זענען 15 געווידמעט צו יודען, און נאר דאס זעכצעהנטע הייסט Other Aliens (אנדערע פרעמדע). דאס בוך האט 2 טיילע: The Alien in England (דער פרעמדער אין ענגלאנד), וואו ער בעשרייבט דאס לעבען פון אונזערע אויסלענדישע ברידער אין ענגלאנד בפרט אין לאנדאן און זאמעלט צו גבית עדות (מייסטענס די שלעכטע), וואס יודען און קריסטען האבען געגעבען פאר דער קעניגליכער קאמיסיע און מאכט זיינע פירושים דערצו, און The Alien af Home (דער פרעמדער אין דער היים), ווי ער בעשרייבט דאס לעבען פון אונזערע ברידער אין רוסלאנד און גאליציע, וואס ער האט פאר א יאהרען, ווי בעקאנט, בערייזט. מאיאר גארדאן סטארעט זיך אפילו שטארק צו ווייזען זיך אונפארטייאיש און שווערט מיט אלע שבועות אין דער הקדמה, אז ער איז חס וחלילה קיין אנטיסעמיט ניט, ווארום והא ראיה, אז די רייכע ענגלישע יודען האט ער ליב, דאך איז גאר ניט שווער צו דערקענען לעזענדיג זיין בוך מיט וועלכער חברה ער געהט האנט אין האנט. ווי עס ווייזט אויס נאך די גבית עדות, וועלען די אנטיסעמיטען דא אויספיהרען און מען וועט געוויסע בעשרענקונגען איינפיהרען. ווייל צו מאכען אין גאנצען וועט מען ניט קאנען. און א סך שולדיג וועלען אין דעם זיין אונזערע אפיטראפסים, די „יודישע ענגלענדער".

דער פאגראם אין מערטיר וואס איך האב וועגען איהם מודיע געוועזען אין מיין פריהערען בריף, איז דא ניט געבליבען קיין בן יחיד. דעם צווייטען אבענד פון ראש השנה האבען זיך מאסען קריסטליכע ארבייטער אויפגעקליבען אין פאנטיפריד (אין דעמזעלבען קוילענבעצירק ווי מערטיר), און האבען גענומען בעליידיגען די יודען. צום גליק איז באלד געקומען די פאליציי און האט דעם עולם צעטריבען און ניט געלאזט די זאך ווערען איין ערנסט ווי אין אנדערע „ציוויליזירטע" לענדער. די סבה דערפון איז געוועזען וואס א קריסטליכע מיידל, וואס דיענט דארט ביי א יודען האט דערציילט, אז די יודען האבען איהר פארשלעפט אין שוהל אריין און האבען איהר געשטאכען מיט נאדלען און פארוואינדעט. פאר דער פאליציי האט זי זיך מודה געוועזען, אז עס איז א ליגען און אז זי האט נאר חוזק געמאכט.

יום כפור איז דא אריבער בשלום. יודען האבען געפאסט און געשלאגען על חטא; ראטשילד איז געגאנגען דאווענען אין דער דיוקס פלייס׳ער שוהל, האט א פיינע עליה בעקומען און אויך א שיינעם נדר געגעבען, און אז ער איז ארויסגעגאנגען ביי טאג חאפען א ביסל פרישע לופט זענען איהם ווי געוואהנליך הונדערטער יודען נאכגעגאנגען. אין דער רעפארם-שוהל איז א פרעדיגער, מיר ניט דיר ניט משוגע געווארען און אנשטאט צו רעדען וועגען אמונה און מוסר היהדות האט ער גאר אוועקגעלעגט א ווארעמע ציוניסטישע דרשה. און קלאד מאנטעפיארע איז נעביך געזעסען איינגעוויקעלט אין זיין קורצענקען טלית׳ל און האט דאס געמוזט צוהערען.

י. מ. הלוי זאלקינד.

פאליטישע ענינים.

(רוסלאנד און יאפאניע. — רוסלאנד אין מאנדזשוריע. — יאפאניע אין קארעא — איטאליע איז אומצופרידען).

די אייראפייאישע צייטונגען, האבען זיך די לעצטע צייט שטארק גענומען צו דערווייזען אין זייערע בלעטער, אז סוף כל סוף מוז ארויסקומען א מלחמה צווישען רוסלאנד מיט יאפאניע. אבער נישט אלע מאל ווערד זייערע נביאות מקוים און נאך וועניגער, דארף מען רעכענען, וועט עס היינטיגעס מאל מקוים ווערען. די אייראפייאישע ציי-

---

נישט אין זינען קיינעם, ענפערט אפילו נישט אויף קיין גוט מארגען. פלוצלינג טוט מיר עמיצער א זעץ אין פלייצע, איך דרעה מיך אוים צוריק—רב מאיר בעל מח!

— נו? — מאכט ער צו מיר — וואס האט איהר געפועלט?

— דאנקען גאט! — זאג איך — אוים ארימע לייט, אוים נגידים, היינט זענען ברוך השם אלע גלייך.

— א גדולה אויף דער באבע! — מאכט ער צו מיר און קוקט מיר מאדנע אין די אויגען אריין.

רב מאיר בעל מח איז א יוד איין אלטער מיט א גרויסער גרויער בארד און מיט א הויכען שטערען און מע האלט איהם ביי אונז פאר א פלאטשיקען, דאס הייסט, א ביסל ניט איבערגעשפיצט, און דערפאר רופען מיר איהם ביי אונז בלשון סגי נהור „בעל מח". און דערצו האלט ער זיך טאקי פאר א גאנצען חוקר, א פילאזאף. ער איז איין מענש אליין, איין אלמן, אהן קינדער, און מע שאצט איהם פאר א גרויסען עושר, אריבער שי״ן אלפים. אצינד, נאך דער חלוקה, אז ס׳האט זיך אנגענומען אויף זיין חלק סך הכל צעהן-טויזענט, קומט אוים, אז ער האט קיין גוט געשעפט ניט געמאכט, און דאס געפעלט מיר דוקא זעהר און איך באגעגען איהם מיט א שמייכעלי.

— איא — מאכט ער צו מיר און ווישט זיך דעם שוויים — איהר קוועלט, איהר זענט ברוך השם אצינד אלע נגידים און ס׳איז אייך גוט ווי די וועלט? זאג איך אייך, הערט איהר, אז איהר זענט אלע אויף צרות!

— אויף צרות? — זאג איך—וואס איז די מעשה?

— די מעשה איז, וואס איהר זענט בהמות, איהר הויבט נישט אן צו פארשטעהן, וואס מ׳ט אייך טוט זיך!

— נאר איהר איינער—זאג איך—זענט א חכם; ניט אומזיסט רופט מען אייך ביי אונז „בעל מח".

— איהר מעגט מיך—זאגט ער—רופען ווי איהר ווילט אייך, נאר איך זאג אייך, אז איהר זענט בהמות! פערד! קעלבלעך!

דאס האט מיך שוין רעכט פארדראסען—א „בעל מח" זאל זיך אוועקשטעלען זידלען, אנרופען א גאנצע וועלט מיט׳ן נאמען בהמות און פערד און קעלבלעך! און איך צעלאך מיך גלייך איהם אין פנים אריין און געה אוועק פון איהם.

— פריידט זיך, פריידט זיך—שרייט ער מיר נאך—איהר וועט חרטה האבען! עס וועט אייך אויספאלען באקאם!

„אלטער נאר! — טראכט איך מיר — איך וויים וואס אייך ברענט! סע פארדריסט אייך. וואס איך בין היינט רייכער פון אייך! איהר זענט נישט איינער, פארהאן אסך ביי אונז אזעלכע נגידים ווי איהר, וואס האבען געמיינט, אז נאר זיי קומט, אז נאר זיי בעדארפען האבען געלד. איין עק, אוים נגידים, אוים ארימע לייט, אוים מיוחסים!"

איך קעהר מיך אים און געה אהיים.

(פארטזעצונג קומט).

טונגען ווייזען אן אויף צוויי פראגען, וואס קאנען זיין סבות צו א מלחמה. די פראגע פון מאנדזשוריע אונ קארעא. די פראגע פון מאנדזשוריע, וואו רוסלאנד האלט נאך אלץ איהרע סאלדאטען, חאטש עס איז שוין פארביי די צייט, וואס רוסלאנד האט געדארפט איהר חיל פון דארטען ארויסנעמען; אבער דאס געהער זיך מיט יאפאניע גאר נישט אן, רוסלאנד האלט דעריבער איהר חיל דארטען, ווייל די חינעזישע רעגירונג האט נאך נישט געטאן אלץ ווי עס איז בעשלאסען געווארען נאך דער לעצטער מלחמה מיט חינא. רוסלאנד האט אין מאנדזשוריע געבויט באהנען אונ האט דארטען פיעל אינטערעסען אונ ווי לאנג חינא האט נישט מקיים געווען, וואס זי האט צוגעזאגט, מוז רוסלאנד האלטען דארטען איהר חיל, כדי עס זאלען ווידער קיין אונרוהען ניט געשעהן אונ יאפאניע אינטערעסירט די דאזיגע פראגע כמעט גאר נישט. וויכטיגער איז די פראגע פון קארעא, וועלכע ליגט צווישען חינא אונ יאפאניע. נאך די מלחמה, וואס איז געוועזען צווישען יאפאניע אונ חינא אין יאהר 1896, האט רוסלאנד מיט יאפאניע געשלאסען א פערטראג, לויט וועלכע קארעא שטעהט אונטער זייערע ביידענס שוץ.

יאפאניע אבער, ווי מען זעהט ארויס, בעטראכט קארעא, פאר א טייל פון איהר לאנד. די יאפאניער עמיגרירען אין א גרויסע צאהל אין קארעא, די יאפאנישע רעגירונג האלט דארט איהר חיל, בויט דארטען באהנען אונ טעלעגראפען אונ פיהרט דארטען איין ארדענונג ווי אין איין אייגען לאנד. יאפאניע בענוצט זיך דערמיט וואס רוסלאנד איז איצט פארטאן מיט מאנדזשוריע אונ וויל דערווייל דאס דרום דיגע קארעא אין גאנצען צונעמען פאר זיך. עס פארשטעהט זיך, אז לויט דעם פערטראג פון 1896 האט יאפאניע נישט דאס רעכט דערצו, נאר ווייל יאפאניע האט זעהר וועניג ערד אונ די בעפעלקערונג פון יאפאניע ווערד אלץ גרעסער אונ גרעסער, וואלט פאר איהר זעהר געלוינט צוצונעמען דרום־קארעא פאר זיך אונ דעריבער בעזעצט יאפאניע דארטען איהרע עמיגראנטען אונ זאמעלט דארטען איהר חיל צו זיכערען איהר לאגע דארטען. עס איז נישט דא וואס מורא צו האבען, אז איבער קארעא וועט ארויסברעכען א מלחמה צווישען רוסלאנד אונ יאפאניע. עס קאן נאר ברענגען דערצו, אז רוסלאנד זאל שליסען א נייעם פערטראג מיט יאפאניע, וואס וועט נאך פארשטארקען דעם שלום אונ די פריינדשאפט צווישען די ביידע פעלקער.

די ידיעה, אז דער רוסישער קייזער האט אבגעלעגט זיין רייזע נאך איטאליע, וועט אויך נישט פיהרען צו קיין פיינדשאפט צווישען די ביידע פעלקער. דער רוסישער קייזער, וועלכער איז גרייט געוועזען אבצוגעבען דעם איטאליענישען קעניג וויקטאר עמנואל א געגען־וויזיט, איז נאך איצט אויך זעהר פריינדליך געזונען צום איטאליענישען קעניג אונ פאלק. שולדיג איז אין דעם די איטאליענישע רעגירונג אליין, וואס האט נישט בעצייטענס געזארגט, אז די דארטיגע סאציאליסטען זאלען נישט קאנען זיך פארבערייטען, צו מאכען דעמאנסטראציעס אין דער צייט ווען דער רוסישער קייזער וועט דארטען זיין. דאס ווייסט דאס איטאליענישע פאלק אונ דעריבער דריקען זיי אויס זייער אומצופרידענהייט געגען דער איטאליענישער רעגירונג. דאס איטאליענישע פאלק ווייסט דאס גרויסע נוצען, וואס איטאליע וואלט פון דעם דאזיגען בעזוך געהאט, אז דורך דעם וואלט איטאליע זיך געקאנט פאראייניגען אין דעם בונד, וואס איז געשלאסען צווישען פראנקרייך אונ רוסלאנד, אז דאס וואלט פארבעסערט די פינאנס-לאגע אין לאנד אונ וואלט אויסגעגלייכט די סכסוכים וועגען דאס מיליטער, פון וועלכע איטאליע ליידט אזוי שטארק זייט זי וויל נאכטאנצען דייטשלאנד. דאס ווייסען שוין אפילו א סך אנפיהרער פון די סאציאליסטען אונ האבען שוין שטארק חרטה, אבער צו שפעט. דער רוסישער קייזער האט זיין רייזע אין איטאליע דערווייל אבגעלעגט נאר מחמת די סאציאליסטען האבען זיך צוגעגרייט צו מאכען מאניפעסטאציעס, אבער די פריינדשאפט צווישען די מאנארכען אונ צווישען די ביידע פעלקער וועט צוליב דעם נישט פארשטערט ווערען, דען דאס פאלק אונ דער קעניג זענען אויך זעהר אומצופרידען מיט דעם בענעמען פון די איטאליענישע סאציאליסטען.

נייעס פון דער וואך.

I. וועלט נייעס.

— די לעצטע ידיעות פון דעם אינזעל מארטיניקא, וואס איז מיט אנדערהאלבען יאהר צוריק כמעט אין גאנצען חרוב געווארען דורך די וואולקאנען, מעלדען, אז די וואולקאנען זענען ווידער אויםגעבראכען אונ די ערד האט אנגעהויבען ציטערען אונ די דארטיגע איינוואהנער לעבען אין טויט־שרעק.

— פון קאנסטאנטינאפאל שרייבט מען, אז מען האט אין אילדיז־קיאסק (דער פאלאץ וואו דער סולטאן וואהנט) ענטדעקט א פארשווערונג אויף דעם סולטאנס לעבען, אונ מען האט ארעסטירט 20 אפיצירען, זיי פארשיקט אויף קאטארגע אונ אונטערוועגס האט מען זיי געהרג'עט.

— דעם 15 אקטאבער איז דער איטאליענישער קעניג וויקטאר עמנואל מיט זיין פרוי העלענע אנגעקומען אין פאריז, אז זיי זענען ארויס פון וואגאן האט זיי דער פרעזידענט לובע בעגעגנט, איז געפאלען דעם קעניג אין די ארעמס אונ ביידע האבען זיך געקושט. 5 דעם זייגער נאכמיטאג האט דער קעניג מיט די קעניגין בעזוכט דעם פרעזידענט לובע אין דעם עליזייאישען פאלאץ.

— דער רוסישער געזאנדטער אין ראם, גענעראל אדיוטאנט פירסט דאלגארוקי, האט איבערגעגעבען דעם איטאליענישען קעניג א בריף, וואס דער רוסישער קייזער האט געשריבען, אז ער בעדויערט, וואס ער האט געמוזט זיין רייזע נאך איטאליע אבלעגען.

II. יודישע נייעס.

רוסלאנד. בשעת דער טאווארישטש־מיניסטער פאר פאלקס־בילדונג איז געוועזען אין אדעסא, האט ער צוגעזאגט, אז ער וועט זיך בעמיהען, אז מען זאל אננעמען אין די דארטיגע גימנאזיעס א גרעסערע צאהל יודישע שילער, וואס האבען דערלאנגט דערויף בקשות. אויך האט ער זיי מודיע געוועזען, אז מען וועט מעהר יודען אננעמען אין אדעסער אוניווערזיטעט.

— דער ד"ר א. קאמינקא, דער סעקרעטער פון דער וויענער „אליאנץ" איז מודיע, אז די „אליאנץ" האט געשיקט 5000 רובעל דער חברה צו שטיצען יודישע ארימע לייט אין האמעל.

— אין דעם אנטיסעמיטישען בלאט „בעסאראבעץ" איז געוועזען אבגעדרוקט אין דעם נומער 241 פון זיינעם א מיטארביי'טער די דאזיגע קארעספאנדענציע: דורכגעהענדיג דורך ד"ר אלעקסאנדער־גאס אין קישינוב האב איך געהערט א גוואלד, איך בין צוגעגאנגען אונ האב געזעהן א קריסטליך יונגל פון 15 יאהר ליגענדיג מיט א צע־

שפאלטענעם קאפ אין א שטראם בלוט, וואס לויט די עדות פון א קרעמערקע, וואס איז דערביי געשטאנען, האט איהם א יודיש יונגל אריינגעווארפען א שטיין אין קאפ און איז אנטלאפען. — דערויף האט אין א וואך ארום דער קישינובער פאליצמייסטער אבגעדרוקט אין דער איינעגער צייטונג די געשיכטע מיט איין אנדער נוסח: פון די חקירה ודרישה, וואס איז געמאכט געווארען וועגען דעם פארוואונדעטען יונגל, האט זיך ארויסגעוויזען, אז דאס איז נישט קיין קריסטליך יונגל נאר א יודישער, א בעוואוסטער גנב חיים שמואלביק. פארוואונדעט האט איהם זיינם א חבר ביים צעטיילען זיך א גנבה. אט אזוי זוכט דער „בעסעראבעץ" מיט אלע מיטלען צו מ׳כען א שנאה צווישען איין פאלק און דעם אנדערען.

— דעם 25 און 26־טען סעפטעמבער האט מען אין ווילנער סודעבנע פאלאטע געמשפט 11 יודען דערפאר וואס זיי האבען געשטערט די פאליציי צו ארעסטירען איינינע בעשולדיגטע.

דער בעשולדיגונגס־אקט בעשטעהט אין דעם: אין פינסק האט דעם 5־טען אפריל ביי נאכט (היינטיגס יאהר) דער הינער פרים־טאוו געמאכט איין „אביסק" ביי 4 הינע יודען, ווייל מען האט זיי חושד געוועזען אין פאליטישע פארברעכען. ווען מען האט זיי ארעסטירט האט מען זיי אבגעשיקט אין פאליציי. אויף דעם צווייטען טאג האט א גרויסער עולם יודען ארומגערינגעלט דאס הויז פון דער פאליציי, וואו די 4 יודען זענען געוועזען ארעסטירט. דער עולם האט אוועקגעטריבען די צוויי שומרים, וואס האבען געהיט די יודען און בעפרייט די 4 יודען. די שומ׳ים זענען נאכגעלאפען די בעפרייטע יודען, נאר דער עולם האט אויף זיי געווארפען שטיינער, שטעקענס און שטיקער אייזענס. אויך האט מען פון דעם עולם אויף די שומרים געשאסען. עס איז געווארען א גרויס געשלעג און פון ביידע צדדים האט מען געשאסען, דערביי איז פארוואונדעט געווארען די פרוי שיינדל קארוש, וועלכע האט זיך אויך געפונען צווישען עולם. דער עולם איז זיך צעלאפען און מען האט קיינעם ניט ארעסטירט. דערנאך האט מען ארעסטירט 23 יודען, פון וועלכע מען האט 11 איבערגעגעבען אין געריכט, וואו מען האט זיי בעשולדיגט אין דעם, אז זיי האבען געשטערט די פאליציי ארעסטירען בעשולדיגטע. דאס געריכט האט ארויסגעגעבען דעם דאזיגען פסק: משה שערמאן, סענדער קושניר און שיינדל קארוש — צונעמען ביי זיי אלע רעכטע און די ערשטע צוויי צו ארעסטאנסקע ראטע אויף 1⅓ יאהר און די לעצטע אין טורמע אויף איין יאהר. אהרן הוכמאן, י. פעגין און יענקל גאלדבערג אויף 8 חדשים טורמע און די איבריגע פינף יודען האט מען בעפרייט.

דייטשלאנד. אין שלאהוי (פרייסען) זענען בעפאלען איינינע קריסטען אויף א יודישען זעצער לעווי אוים ווארשא און האבען איהם געשלאגען ביז צום טויט. די מערדער זענען איהם בעפאלען זיצענדיג אין א שענק און האבען איהם געפרעגט, ער זאל זיי זאגען דעם אמת וועגען דעם דערמארדעטען סטודענט ווינטער. דער זעצער, וואס האט אפילו נישט געהערט דעם נאמען ווינטער, האט נאטירליך נישט געוואוסט, וואס צו ענטפערן. דערנאך האבען זיי פארלאנגט, ער זאל זיי זאגען, אז יודען דארפען האבען קריסטליך בלוט און אז ער האט דערצו נישט איינגעשטימט האבען זיי איהם געצוואונגען, ער זאל בעטען א קריסטליך געבעט, וואס ער האט פארשטעהט זיך נישט געקאנט, דורך דעם זענען איהם די קריסטען בעפאלען און האבען איהם געוואלט שלאגען, ער איז אנטלאפען אויפ׳ן הויף און זיך בעהאלטען אין א שטאל וואו זיי האבען איהם געפונען און ביז צום טויט געשלאגען.

פראנקרייך. דער פראנצויזישער שריפטשטעלער מאריס־לעבלאנד שרייבט אין דאס „בלאט" „L'aurore", אז די פראנצויזען דארפען נעמען אויף זיך די איניציאטיווע, צו מאכען א יודישע מדינה, און זאגט אז מען דארף יודען אוועקגעבען מאדאגאסקאר.

ארץ ישראל. נישט לאנג האט ה׳ אוסישקין געקויפט א שטיק ערד פון 5000 דונאם ביי דער קאלאניע קוסטינא. די ערד, ווי מען זאגט, איז זעהר גוט. די גאנצע ערד איז גוט צום זייען תבואה. 1,500 דונאם מיינט ה׳ אוסישקין צו פארקויפען די קאלאניסטען פון קוסטינא, ווייל זיי פעהלט ערד, און 3500 דונאם וועלען בלייבען פאר דער חברה „גאולה".

— נישט לאנג איז געוועזען די ערשטע אספה פון די ארבייטער מורשים אין דער קאלאניע פתח־תקוה.

— ח׳ תשרי האט זיך אין יפו געעפענט א לייה־קאסע פאר בעלי מלאכות און קליין־הענדלער. אין דער דאזיגער קאסע נעמען איין אנטייל די ענגלישע פאלעסטינא באנק און די חובבי ציון. יעדער בעל מלאכה און קליין הענדלער, וואס וויל נעמען איין אנטייל אין דעם, דארף אריין ברענגען אין דער קאסע נישט ווייניגער פון 20 פראנק.

— ענדע אלול איז געוועזען די ערשטע אספה פון דעם גרויסען ועד הפועל אין יפו, אויף וועלכע עס איז, ווי מען רעדט, בעשלאסען געווארען, מען זאל די שולע פאר מיידלעך אונטערשטיצען מיט נאך 7600 פראנק א יאהר און מחמת דעם וועט מען מוזען פארקלענערען די שטיצע אין די איבעריגע שולען אין דער קאלאניע.

— אין דער קאלאניע זכרון־יעקב האט מען לכבוד דעם ארץ ישראל קאנגרעס געמאכט איין אייביגען אנדענקען דערמיט, וואס מען האט איין גאס א נאמען געגעבען „רחוב הכנסיה" און די גאס וואו אוסישקין האט קוואטירט „רחוב אוסישקין".

אמעריקא. פון ניו־יארק שרייבט מען, אז ענדע אלול האט דער פרעזידענט רוזוועלט בעזוכט עליס איילאנד, וואו די אמעריקאנער פאליציי אונטערזוכט די עמיגראנטען און איהם איז די שטרענגע אויפפיהרונג פון דער פאליציי שטארק נישט געפעלען געווארען. אז ער איז געוועזען אין דער אבטיילונג, וואו מען פרעגט אוים די עמיגראנטען, האט ער מיט א קאפ־שאקלען אויסגעדרוקט זיין אומצופרידענהייט דערויף. דער בעאמטע וויליאמס האט דערויף אויפמערקזאם געמאכט, אז אזוי הייסט דאס געזעץ,—אויב אזוי—האט זיך אנגערופען איינער פון דעם פרעזידענטס בעגלייטער,—קען מען לויט אזוינע געזעצע צוריק שיקען אונזער פריינד יעקב ריס, (אויך איינער פון דעם פרעזידענטס בעגלייטערס). בשעת ער האט בעזוכט דאס צימער, וואו עס געפינען זיך די עמיגראנטען, וואס ווייסען נאך נישט, צי מען וועט זיי אריינלאזען אדער נישט, איז איהם געפאלען צו די פיס א יודישע פרוי חיה לעווין מיט איהרע 4 קינדער אוים ווילנא, זי איז דא געקומען מיט איהר מאן און מיט נאך איין עלטערען זוהן, וואס מען האט בעשטימט צוריק צו שיקען, נאר זיי איז געראטען צו אנטלויפען, זי האט זיך געווענדט מיט א בקשה קיין וואשינגטאן און האט נאך קיין ענפער נישט באקומען. דער פרעזידענט האט איהר אויסגעהערט און האט איהר געהייסען אריינלאזען אין לאנד. דער פרעזידענט האט געזעצט א קאמיסיע, וואס זאל קאנטראלירען אלע קלאגעס אויף דער פאליציי, אויך צו קאנטראלירען די געזעצע וועגען עמיגראנטען.

III. ציוניסטישע נייעס.

— ווי די „אדעסקי נאוואסטי" שרייבט וועט אין קורצען דער „ציוניסטישער אקציאנס קאמיטעט זיך צוזאמענפאהרען אין פעטערסבורג, דער אדעסער מורשה ד״ר ב׳ סאפיר פאהרט אויך באלד אין פעטערסבורג, דארט וועט אויך קומען, מסתמא, דער ד״ר הערצל.

די צוויי ברידערלעך.

(ערצעהלונג).

(ענדע).

— געה, געה, משוגענער! האט יעקעלע איבערגעשלאגען, אז מען שטארבט, זאגט מען דאך אן...

— אפשר האט מען אנגעזאגט און דער בעל-עגלה גיט אונז ניט איבער...

— אי גענוג צו פלוידערן! האט שוין יענקעלע זיך צעבייזערט אויפ'ן אמת...

— שא, נארעלע איך לאך דאס! האט בערל איהם בערוהיגט — אלע לעבען...

יענקעלע איז פרייליך געווארען און האט פלוצים א שפרונג געטאן אין דער הויך און מיט לוסטיגע אויגעלעך אויסגעשריגען:

— בערל! פאלגט מיר לאמיר שרייבען גאר אויף פאסט א בריפעל א היים.

— ביזט גערעכט! האט בערל איינגעשטימט — איך האב אבער קיין געלד ניט.

— איך האב א פיערעל, מיר איז געבליבען פון נעכטיגען צעהנערל. אויף מיין „דאנערשטאג" גיט מען דאך מיר, ווייסט דאך, א צעהנערל אויף וועטשערע, איז מיר א פיערערל געבליבען.

— און איך האב אויך א קאפיקע! האט בערל געזאגט — אקוראט אויף אן אטקריטקע.

— ווער וועט אבער שרייבען! האט יענקעלע געפרעגט.

— איך: האט בערעלע געענטפערט, איך בין דאך עלטער, איך בין דאך א בכור...

— איך גיב דאך אבער א פיערער.

— א בכור איז מעהר ווערט ווי א פיערער.

— ניין! איך וועל שרייבען א האלבע און דו א האלבע. הא?

— זאל זיין אזוי. קום קויפען א קארטל!

און די צוויי ברידערלעך זענען אוועק געלאפען קויפען א קארטעל אין פאסט.

— דא וועט זיך גאר נישט אויסשטעלען! איז יענקעלע ניט געווען צו פרידען בעטראכטענדיג, צוריק געהענדיג א היים, דאס קליינע קארטל.

— מיר וועלען שרייבען קליינינקע אותיותלעך, מאנטשינקע. האט בערעלע איין עצה געגעבען.

— וועט דער טאטע ניט קענען איבערליינען...

— נישקשה! ער וועט אנטאן די ספאקולען!

— נו קום גיכער! האט יענקעלע געטריבען.

זיין הערצעלע איז שוין פול געווארען מיט ווערטער, ווי א ים, און ער האט זיי געוואלט שוין אויסגיעסען אויפ'ן שטיקעלע פאפיער, פאר וועלכען ער האט זיין גאנציין איינגענס אוועק געגעבען...

זיי זענען געקומען אין שטיבל און האבען זיך גענומען מכין זיין צום שרייבען.

בערל האט גענומען שרייבען דער ערשטער, יעקעלע איז געשטאנען און געקוקט.

— הייב אן העכער, דא קאן מען דאך שרייבען א שורה. וואו האסטו אזוי ווייט אוועק געשטעלט דעם לאהובי אבי, האט יענקעלע געשריגען.

— וואו זאל איך איהם שטעלען? אויפ'ן הימעל — וואס? האט בערעלע גערעדט און געטריבען פון זיך יעקעלען:

— געה אוועק! איך וועל דיר לאזען א האלבע, טומעל מיר ניט...

— שא! שא! איז יענקעלע אבגעטראטען און געקוקט פון דער ווייט מיט דארשטיגע אויגעלעך אויף בערעלען, ווי אזוי יענער זיצט פארטיפט און שרייבט, שרייבט, קנייטשט דאס שטערנדל און טונקט די פען און פארטראכט זיך און שרייבט ווייטער.

— גענוג שוין! האט יענקעלע אין עטליכע מינוט ארום א גע-שריי געגעבען.

— עס איז נאך ניט קיין האלבע. האט בערעלע שרייבענדיג געענטפערט.

— מיר קומט דאך מעהר ווי א האלבע! האט יענקעלע שוין בייז געשריגען. דער חשק צום שרייבען, אויסגיעסען דאס הארץ פאר די היימיגע האט איהם שוין אין גאנצען דורכגענומען.

נאר בערעלע האט שוין ניט געהערט. ער האט זיך צום אנהייב ארייגעלאזט אין מליצות, ווי „ראשית באתי להודיעך שאני בריא וקים". פונקט, ווי ער האט אויסגעלערנט אין מכתב משולש. די ביסעלע אייגענע ווערטער איז נאך איהם אין קאפ געבליבען: ער דארף נאך פארמסר'ן לייזער דעם בעל עגלה, ער דארף נאך שרייבען, ווי פיעל בלאט גמרא ער האט אבגעלערנט, ער דארף נאך געבען אנצוהער-גיש, אז מען זאל זיי שיקען עפיס א פאסילקעלע. ווייל עס פעהלט זיי צו מאנטאג און צו מיטוואך, און דער דינסטאג איז אויך ווי גאר נישט.

און בערעלע שרייבט און שרייבט און יענקעלע קאן זיך שוין ניט איינהאלטען, ער זעהט ווי בערעלע פארנעמט מעהר ווי א האלב.

— גענוג! איז ער צוגעלאפען מיט א געשריי און אנגעכאפט פאר דאס הענטל פון פעדער.

— נאך דריי ווערטער! האט זיך בערעלע געבעטען.

— אבער געדענק זשע: מעהר ניט! האט יענקעלע געשריגען און די אויגעלעך האבען איהם געפלאקערט...

און בערעלע האט זיך גענומען שרייבען די דריי ווערטער, נאר דער געדאנק, וואס ער האט געדארפט אויסדריקען, האט געפאדערט נאך א צעהן — פופצעהן ווערטער און בערעלע, א בעגייסטערטער פון שרייבען, האט געפיקט געפיקט אויפ'ן פאפיער און פארנומען נאך א שטיק פון דער אנדער העלפט קארטל.

— דו הערסט אויף! האט יענקעלע אויסגעשריגען און זיך איסטעריש פארנאנדער געוויינט בעטראכטענדיג דאס קלייז — שטיקעלע, וואס איהם איז געבליבען.

— שא, נאך ממני בניך... האט זיך בערעלע געבעטען — מעהר ניט!...

נאר יענקעלע, דערמאהנענדיג זיך: אז ער האט געגעבען א גאנצען פיהרערל און בערל'ס וועט מען אין דער היים לעזען אזוי

פיעל, איז אזוי צעקאכט געווארען, אז ער האט גענומען מיט ווילדקייט רייסען פון אונטער בערל'ס הענט דאס קארטל.

— לאז מיר שטעלען נאך ממני בנך! האט זיך בערעלע געבעטען.

— עס וועט זיין רעכט אן ממני בנך... האט יענקעלע געשריגען, חאטש ער האט געפיהלט, אז ממני בנך מוז זיין, ד'ער כעס האט איהם אבער גענומען קאכען. און ער האט גענומען שלעפען מיט געוואלד דאס קארטל; בערעלע האט פעסט צוגעדריקט, נאר יענקל האט אזא שטארקען שלעפ געטאן, אז דאס קארטל האט זיך אויף צוויי'ען צעריסען.

— וואס האסטו דאס געטאן גזלן? האט בערל ווילד אויסגעשטעלט זיינע אויגען אויף יענקעלען.

— איך האב געוואלט אזוי! האט יענקעלע גענומען יאמערן...

— וואס האסטו דאס געטאן? האט בערל ווייטער געפרעגט, קוקענדיג מיט פארצווייפעלטע בליקען אויף די צוויי האלבע צעריסענע שטיקער פון דער פאסט־קארטל.

נאר יענקל האט ניט געקענט ענטווערען, די טרערען האבען איהם געווארגען, און ער איז א פארצווייפעלטער א פאל געטאן צום וואנט, רייסענדיג זיינע הערעלעך... דא האט שוין בערל אויך ניט אויסגעהאלטען און דאס קליינע שטיבל איז פול געווארען מיט יאמער...

אברהם רייזען.

די עגונה.

אויפ'ן וויסטען בערגל פאלען
דער לבנה'ס שטראהלען קאלטע;
איינגעהויקערט, איינגעדרעהט זיצט
א ציגיינערקע איין אלטע.

האלט אין האנט א בינטל קרייטעכץ,
און ציגיינער לשון פלוידערט;
נעבען איהר א יונג ווייבל,
איינגעדעקט אין שווארצען שוידערט.

„ווען איך האב דעם שפראך געענדיגט
„קומען וועט דיין מאן געפלויגען,
„לעבעדיג צי טויט — דו וועסט איהם
„בולט זעהן מיט דיינע אויגען.

„היגעל פליגער, הענדום פענדום
„קום צו פאהרען, קום צו רייטען,
„ביסטו טויט, צי ביסט געשטארבען,
„קום פון נאהנטען קום פון ווייטען..."

אזוי שעפטשעט די מכשפה
ס'זיפצט צום ענפער די עגונה,
קוקט אין מזרח, קוקט אין מערב,
שפיאנט אוןווארט מיט גרויס אמונה...

לאנג ניט דויערט, פון דער ווייטען
זיך בעווייזט, ער קומט אלץ נעהנטער;
ערסט דערזעהט זיך זיין פיגור נאר
באלד דער פנים דער בעקאנטער...

אבער צוגעמאכט די אויגען,
דאס געזיכט איז געל — געפארבען:
„זעהסט דיין מאן ווי כ'האב פארשפראכען
„איז א פנים שוין געשטארבען..."

ס'בילד ווערד נעלם... דער לבנה'ם
שטראהלען געבען שטיל א ציטער...
ס'פרעפעלט אינטער די מכשפה,
די עגונה יאמערט ביטער...

דענווער, קאלא. נארד־אמעריקא.

יהואש.

פינסטער.

(ערצעהלונג).

א חשון־נאכט.

מען האט גאר ניט בעמערקט, ווי דער קורצער אומעטיגער טאג איז אוועק. א קליין דין רעגענדל האט נאך געשפריצט פון אין דערפריה אן. אין מיטען טאג האט עס אויפגעהערט אויף אפאר שעה, ווען א קאלטער א שניידענדער ווינט האט ארומגעיאגט שרעקליך גרויסע, שווארץ־פינסטערע וואלקען פון איין עק הימעל צום צווייטען... דערנאך האט ווידער אנגעהויבען גיסען, אין אנהויב קליינע טראפענס, צו דער נאכט אבער, האט זיך דער רעגען געשטארקט און עס האט געגאסען, ווי פון איין עמער...

נאך „מעריב" האט א געדיכטע פינסטערניש ארומגעוויקעלט דאס שטעדטל, ווי זי וואלט עס וועלען איינשלינגען אין זיך... קיין שימער פון איין איינציג פארבלאנדזעטען שטערן, קיין ציטער פון א ווייט פייערל, חאטש איין אויג שטעך אויס... און דער רעגען רייסט זיך ארויס, צייטענווייז פונ'ם ווינט, גלייך ווי ער וואלט זיך געבייזערט אויף עמיצען. — דאס אלץ האט נאך פארגרעסערט די פינסטערניש און שרעקליכער געמאכט די נאכט...

אומעטיג און אין איין טאן קלאפען די גרויסע טראפענס רעגען אויף די הילצערנע, ערטער־ווייז פארפוילטע דעכער פון די נידריגע הילצערנע הייזלעך, אויף די שויבען פון די קליינע פענסטערלעך אויפ'ן בלעכענעם דאך פונ'ם נייעם „בית־המדרש" און אויף זיינע גרויסע פענסטער, און פלעשקען זיך אין דער גרויסע בלאטע.

— נו, א נאכט: פינסטער, נאס, קאלט, און אויפ'ן הארצע איז ווי די נשמה וואלט זיך ערשט אויסגעבאדען אין א בלאטע פון מוטנע־שווארצע טינט...

די איינוואהנער פונ'ם שטעדטל האבען א פנים צו אזא צייט אנגעווארען אלע האפנונגען אויף א שיין פון ליכטיגקייט: פויל האבען זיי זיך צעלייגט אין זייערע קברים־הייזלעך, געלעגען מיט פארמאכטע אויגען אין דער פינסטער און זיך צוגעהערט צום קלאפען פונ'ם רעגען, צייטענווייז נאר האט עמיצער א קרעכץ געטאן. אבער קיינעם האט זיך נישט געחלומ'ט פון א פרייהליכען פריהמארגען, ביי קיינעם האט ניט געטריבען שטארקער דעם ספק...

א שוואכער שטראהל־האפנונג האט נאר זיך פארגנב'עט ביי באשע לאה'ן אין הארצען, ווי דאס קליינע פייערל אין איהר קליין הייזל.

זי מיט איהר טאכטער זיצען ביידע ביי די צוויי ברעגעס פון א קליין טישל, וואס שטעהט נעבען פענסטער, עס איז שטיל, ביידע זענען אנגעשטרענגט, מען קוקט אין דעם פענסטער, חאטש מען זעהט דארט מעהר גיט ווי די שווארצע שויבען, און הערען זיך צו צום קלאפעריי פונ'ם רעגען.

באשע לאה, איין עלטערע יודענע, מיט איין אלט פארקנייצט פנים, פייכטע, פארזארגטע אויגען, און ביינע איהר טאכטער, א מויד וואס ווערד שוין פון עטליכע יאהר נידריגער און גרעבער, דאס פנים בלויליך פאר קעלט, די ליפען גראבליך און צעשפאלטען, די באקען פלאציג־פול און הענגען אראב.

דאס אלמערל האבען זיי נאך פארשלאסען גאנץ לאנג, ווען אנדערע זענען נאך געזעסען אין מארק — קיין פדיון איז סיי־ווי־סיי ניטא, עס איז קאלט, רעגענט, קיין משוגע'נעם הונט זעהט מען ניט. דערצו האבען זיי זיך היינט טאקי געאיילט, ווייל היינט דארף מען ענדיגען דעם שדוך, וואס מען האט פארגעלעגט פאר ביינען פון א דארף, וואו עס האט געוואהנט איהר מומע, ביי וועלכער ביינע איז געווען צו גאסט חול המועד סכות.

געקומען איז זי פון דארטען א האלבע כלה: די מחותנים האבען מבטיח געווען צו קומען אהער, ווען זיי וועלען פאהרען אויפ'ן יריד און שרייבען תנאים.

אויף אלץ האבען זיי איינגעשטימט: אננעמען דאס אלמערל און צוויי הונדערט רובל נדן, וואהנען דריי יאהר צוזאמען מיט דער מאמען אין הויז און פיהרען אינאיינעם די הוצאה. איין זאך האבען זיי נאר געוואלט — דורך־שרייבען זיך מיט זייער איין איינענעם — לייזער דעם קרעמער, וואס וואהנט דא אין שטעדטל, ד. ה. נאך־פרעגען זיך ביי איהם, און דערנאך שרייבען תנאים.

— מיט לייזער דעם קרעמער? — האט דענסטמאל באשע לאה איבערגעפרעגט אויסהערענדיג איהר טאכטער, און האט זיך אויף איהר פארקוקט, ווי זי וואלט זיך וועלען וויסען אויב לייזער וועט ניט געפינען אויף איהר עפיס א חסרון.

— עס וועט דערפון גאר נישט זיין — האט זי זיך געטראכט — ער וועט געוויס אברעדען.

פאר ביינע'ן אבער האט זי דאס ניט געזאגט, וואס זאל זי איהר שוין אבעסען דאס הארץ. זי האט זיך שוין, נעביך, גענוג אנגעליטען.

ווען ביינע וואלט זיך דענסטמאל ניט איינגעשפארט, טראכט זי זיך, וואלט זי שוין געקאנט האבען אייניקלעך און זי וויל בערעכענען וויפיעל דאס עלסטע אייניקעל וואלט שוין געקאנט אלט זיין, עס גערעט איהר אבער נישט.

דענסטמאל איז נאך ביינע געווען א יונג, פריש מיידל, חאטש ניט אזא געמאלטע שענהייט, די אייגעלעך האבען אביסל געברענט, דאס ציינגל געקנאקט, דאס געלעכטער געהילכט, ווי ביי א מארק־מיידל, און משה, א בלאסער א הויכער שניידער־יונג, וואס פלעגט שטענדיג קויפען ביי זיי אין אלמערל אלץ, וואס ער האט געברויכט, האט זיך גיט אויף א קאטאוויס אין איהר „פערקלאפט", ווי זיינע חברים פלעגען זיך מיט איהם רייצען.

נאר באשע לאה'ן איז דער שדוך נישט אן געשטאנען, זי קאן דאס דעם מאן, א מלמד א יחסן, נישט אנטון אזא חרפה אין קבר, זי קאן נישט דערלאזען, מען זאל „בינדען" א טאכטער פון א תלמיד חכם פאר א לייב, פאר איין עם־הארץ", ווי זי האט געלייענט אין „נחלת־צבי"

די טאכטער האט זיך דענסטמאל צעריסען מיט דער מאמען אויף מעסער, א צייט האבען זיי ניט גערעדט, נאכדעם פלעגען זיי נאר אויפרעדען זיך בשעת א צרה, פלעגען זיך נאר אויסקילען איינע אויף דער אנדערע זייערע פארביטערטע הערצער, און ביי דער טאכטער איז געבליבען איין אייביגער שטיין אין הארצען געגען דער מוטער.

פון יענער צייט אן זענען ביינע'ס אויגען פארלאשען געווארען, איהר געלעכטער האט שוין מעהר ניט געהילכט, און א שטענדיגע מרה־שחורה האט זיך אויף איהר אנגעטאן.

אין דער צייט האט מען איהר פארגעלעגט נאך איינינע שדוכים, אבער עס האט זיך אלץ ניט געקלעבט, דאס איז ניט געווען אזוי פיעל נדן, דאס איז ווידער ניט נאך באשע לאה'ס כבוד געווען, דאס פלעגט מען זאגען, בעת זעהן זיך, אז מען וועט שיקען א בריף וועגען פרטים, און דעם בריף פלעגט מען זיך קיינמאל ניט דערווארטען. ביז עס איז געקומען א צייט, אז ווען מען פלעגט זיך אויפ'ן מארק צעקריגען איבער א קונה פלעגט מען אנרופען ביינע'ן: אלטע מויד, באבע, גרויע האר, פארזעסענע „קאלאדע"...

ערשט וואלט שוין באשע לאה מסכים געווען אבגעבען די טאכטער חאטש פאר א בעל־מלאכה, „צונויפבינדען זי און ארויס־ווארפען פאר א לייב", ווי זי פלעגט זאגען, אבי ארויסווארפען זי, אבי פון איהר פטור ווערען, אראבנעמען פון זיך דעם הארב, אבער היינטיגע „שנעקעס" בעלי־מלאכות, זיי ווילען דוקא א יונגע, א שיינע און אנדערע זענען נאך מוסיף א קלוגס אויך. אזוינע דריי זאכען, וואס ביינע האט זיי גיט, נאך די מיינונג פון יענע שנעקעס...

באשע לאה האט זיך שוין געפיהלט ווי שולדיג געגען דער טאכטער, און אין דער שטיל פלעגט זי זיך שלאגען „על חטא" פאר איהרע זינד, פאר איהר גאוה, און מיט ביינע פלעגט זי זיך סטארען זיין וואס פריינדליכער, כדי זי זאל זיך ווידער צו איהר טוליען; אבער עס איז איהר ניט געראטען: ביינע איז געווען שטענדיג געצייצט, פערצאגט, מרה־שחורה'דיג און ביי יעדער קליינינקייט פלעגט זי אנפאלען אויף דער מוטער, קריגען זיך און אפילו שעלטען זיך...

— אך — פלעגט דענסטמאל באשע לאה אבקרעכצען, רע־דענדיג מיט זיך אליין — אט איין אומגליק אויף מיין קאפ, ווי ווער איך איהר פטור! זי וועט מיך אין דר'ערד אריינלעגען, איך וועל עס ניט אריבערטראגען!...

אז ביינע איז געקומען פון דער מומען אלס כלה האבען זיי צווישען זיך אזוי ווי שלום געמאכט. חאטש באשע לאה האט ניט געגלויבט אין דעם שדוך, פונדעסטוועגען האט א פונק האפנונג געברענט ביי איהר אין הארצען: טאמער קומען זיי יא און שרייבען „תנאים" און זי ווערד פון איהר פטור...

קומען האבען זיי געזאלט דעם 10־טען חשון, און דאס איז אויסגעפאלען גראד היינט אין אזא חשכ'דיגען טאג.

באשע־לאה האט זיך געאײלט פונדעסטוועגען צו קומען פריהער אהיים, צוקלויבען זיך עפּיס אביסל צוליב די געסט.

אין שטוב אײגענטליך האט זי פיעל ניט געהאט וואס צו טון, איהרע עטליכע קוישען מיט דעם אויבס, וואס זי פלעגט דערמיט צוהאנדלען צום אלמערל, האט זי אוועקגעשטעלט אין א ווינקעל, אײנע אויף די אנדערע, און האט עס איבע געדעקט מיט איין אלטען טישטוך, דעם הילצערנעם קאנאפּ ארומגעווישט, אויפ'ן קלײנעם טישל פארשפּרייט א ווײס טישטוך, דאס גלאז פונ'ם לעמפּל אויסגעוואשען, זיך אנגעטאן איהר שבת סיצען־קלײדל, אויסגעוואשען אביסל איהרע דארע הענט און פארטיג.

ברײנע האט אויך אראפּגעווארפען פון זיך איהר מארק קלײדל, אנגעטאן א יום־טוב'דיגע, אײנגעוואשען זיך, און אײנגעשנורעוועט זיך גאנץ פעסט.

און אהן רייד האבען זיי זיך צעזעצט בײ בײדע ברעגען פונ'ם טיש.

באשע לאה האט זיך געקעהרט צום פענסטער זיך פארקוקט אויף די גרויסע טראפּענס רעגען, וואס פלעגען אראבפאלען אויף די שויבען מיט א קלאפּ און שטיל אראבגליטשען זיך פון אויבען אראפּ.

ברײנע האט זיך געעוסק'ט מיט א פעדער, וואס עס איז דא גע־לעגען. זי האט געהאלטען א לאנג שטיקל פּאפּיער און כלומר'שט געשריבען א „רשימה", און אונטערוויילס פלעגט זי אויסדרעהען א פּאר קרומע פיס פון א „חית", דערנאך א געבראכענעם רינגעלע א „סמך", דערנאך א „וו" מיט א לאנגע „נון" א קרומע, און פלעגט עס אבריקען פון זיך, האלטען א קעגען פייער און לייענען שטיל א „חסון"...

— וואס פאר א חשך, בעמערקט פלוצים באשע לאה, ווי זיך אליין.

— וואס פאר א רעגען, עס הערט גאר ניט אויף, בעמערקט אן ברײנע און פארקוקט זיך אין פענסטער.

עטליכע מינוט האבען זיי געקוקט אין פענסטער שטיל אבער לאנג האט באשע לאה זיך ניט געקאנט אײנהאלטען, עס האט גע־קאכט אין איהר. וואס צו ריידען האט זי געגוג, נאר זי ווייסט ניט ווי הייבט מען עס אן.

— דו האסט עפּיס היינט געלייזט? — פרעגט זי ענדליך, אב־קעהרענדיג דעם קאפּ פון פענסטער, און זיך פארקוקט אויפ'ן פייערל פון לעמפּל.

— פאר צוויי קנײלעכלעך שווארצען פאדים, — ענטפערט ברײנע און פארקוקט זיך אויפ'ן שטיקל פּאפּיער, וואס איז דא געלעגען, מיט דעם ווארט „חסון": — געקומען „אחאכלושע" אײנע און האט געוואלט קויפען באוועל האט זי געוואלט, א „מיתה משונה" אויף איהר, איך זאל איהר אוועקגעבען אומזיסט.

מענדל א פנים (באשע לאה'ס א יונגל א יאהר פינפצעהן) וועט הי נט בלייבען אין שול נעכטיגען, — זאגט ווייטער באשע לאה.

— ער האט דאך נאך ניט געגעסען, ער וועט מסתמא דעם רעגען איבערוואַרטען.

— און וואו זיצט דאס אלץ דער „אומגליק" (א מײדל א יאהר זיבעצעהן)? אט איז א מלאך־המות אויף מיר, א מינוט זאל מען זי אין שטוב ניט אנזעהן...

— מסתמא זיצט זי דארטען, בײ שרה דבורה'ן (א שכנה), זי קען זיך דען צעשײדען מיט איהר גולם (דער שכנה'ס א מײדל)? זי וועט וועלען עסען וועט זי קומען צו לויפען.

— א מויד „אהריפּע", — זאגט באשע לאה, — וואקסט ווי אויף הייוען, שדים ווייסען ווי, און שכל האט דאס ווי אפּיצל קינד — ארומשלעפּען זיך איבער פרעמדע הײזער, „חאכאצינקעס" איז עס איהר אלץ, אז די מאמע, ד'ער אלטער פערד, שלעפּט נאך דעם יאך קען זי „ארומהאצקאיען", מען זאל זיך ניט נעמען פאר א וועלכע עס איז אר־בייט — מען זעהט זיך גאר ניט ארום, ווי די יאהרען פליהען און אט אט ווערד זי א מויד א...

פלוצים האט זי זיך אבגעהאלטען דערמאנענדיג זיך אויף ברײ־נען, וועלכע דער מאמעס לעצטע רייד האבען געשטאכען ווי שפּיל־קעס...

באשע לאה האט געשוויגען עטליכע מינוט, לענגער אבער אײנהאלטען זיך האט זי ניט געקאנט. דאס אלץ איז אנמערקונגען זייטיגע, אבער וועגען רעכטען עיקר, וואס אינטערעסירט זי איצט האט זי נאך גאר ניט אנגעהויבען צו ריידען.

ענדליך האט זי אזיפץ געטאן, אבגעקערט איהר קאפּ פונ'ם פייער, און אנגעשטעלט איהרע שוואכע אויגען ברײנען אויפ'ן פאר־קנייצטען קלײנעם שטערען, האט שוואך א הוסט געטאן און שטיל א פרעג געטון: דו האסט אפשר געזעהן היינט לייזער'ן?

ברײנע האט זיך א טרייסעל געטון, ווי א לייכטער פרעסטל וואלט דורך געגאנגען איהרע גלידער. זי האט געהערט וואס די מאמע האט איהר געפרעגט, זי האט אבגעוואַרט אזא פראגע; אבער זי וואלט עס וועלען בעסער ניט הערען, עפּיס האט איהר דאס הארץ שטארק געקלעמט...

— א, לייזער'ן? — פרעגט זי איבער, — איך האב איהם געזעהן פארבייגעהענדיג: אבער איך האב מיט איהם גאר נישט גערעדט.

— וו:ס האבען זיי דענסטמאל געזאגט? — פרעגט איבער באשע לאה שוין דעם וויפיעלטען מאל, ווי זי וואלט זיך איבערצייגען צי איז ריכטיג יענע הבטחה.

— אז זיי וועלען זיך נאך פרעגען בײ לייזער'ן, — ענטפערט ברײנע, — איך ווייס וואס זיי ווילען?

— וואס איז זיי לייזער?

— א שוועסטער קינד, א פנים, וואס איז ער.

— איך האב איהם לענגער דערצייהלט די מעשה.

— וואס האט ער געזאגט?

— אז פון זיין זייט איז קיין מניעה ניט, אבריידען וועט ער ניט, קאליע מאכען וועט ער אויך ניט, „וואס איז ער, ניט קיין יוד?" — זאגט ער.

— זיי וועלען מוזען א פנים פארפאהרען צו איהם?

— וואו דען וועלען זיי פארפאהרען? — א שאד וואס אזא רעגען מיט אזא פינסטערניש זיי קומט דאך אויס פאהרען פארביי, ווי מען פאהרט פון י., מען וואלט זיי געקענט בעמערקען דורכ־פאהרענדיג...

(ענדע קומט).

ם. ערליך.

די כוזרים.

אין די גוטע צייטען ווען די יודען האבען געלעבט בעסער, ווען זייער פאליטישע אונ עקאנאמישע לאגע איז געוועזען איין אנדערע ווי די היינטיגע, האבען זיי זיך שטארק בעמיהט צו קריגען גרים, צו פארברייטען זייער אמונה אין דער וועלט ווי עס טוען היינט די ענגלישע אונ דייטשע מיסיאנערען. מיר געפינען דיעזע בעשטרעבונג ביי די יודען צום שטארקסטען ענטוויקעלט אין די צייטען, ווען זיי זענען נאך געוועזען אין דעם פרייוויליגען גלות. דענסטמאל אין דער ליכטיגער צייט האבען די יודען נאך געחלומ'ט פון א וועלט־הערשאפט; זיי האבען געפיהלט, אז א פאלק טאר נישט אונ דארף נישט בלייבען אליין אין דער וועלט, אז אזוי גוט ווי דער איינציגער מענש, אזוי מוז אויך א פאלק האבען פריינד, חברים וואס זאלען איהם קענען העלפען אין שלעכטע צייטען. דארום האבען זיי זעהר פיעל זיך משתדל געוועזען צו פארברייטען זייער אמונה צווישען די אומות. זייער שתדלנות האט אבער זעהר וועניג געווירקט. באלד זענען געקומען די שרעקליכע פינסטערע צייטען פון דעם שווערען גלות, די יודען האבען געליטען צרות אונ רדיפות, דענסטמאל איז זיי שוין נישט געלעגען אין זינען צו זוכען גרים, פאר זיי איז גאר געוועזען איין אומגליק, ווען עמיצער האט זיך מגייר געוועזען ווייל דאס איז שטענדיג געוועזען א סיבה צו נייע רדיפות, צו נייע צרות פאר זיי. אונ דענסטמאל איז געזאגט געווארען די ביטערע ווערטער: קשים גרים לישראל כספחת, גרים זענען פאר יודען א צו־טשעפעניש, א שלעכטע קרענק; יודען זאלען נישט אונ טארען נישט אננעמען קיין גרים. פונדעסטוועגען, נאר חאטש עס איז געוועזען פארבאטען, האבען דאך די יודען אין שפעטערע צייטען ווען דער יאך פון גלות איז נאר געווארען אביסל גרינגער, זיך באלד געפרובט צו פארברייטען דאס יודישקייט, צו מאכען גרים. אונ איינמאל האט כמעט א גאנץ פאלק. דאס כוזרים פאלק, אנגענומען די יודישע אמונה. ווער זיי זענען געוועזען אונ וואס פון זיי איז געווארען, דאס ווילען מיר דא דערצייהלען.

די כוזרים זענען א פאלק, וואס האט פון אנהויב געוואהנט אין דעם לאנד, וואס געפינט זיך צווישען דעם ים־הכספי אונ דעם ים־השחור, אונ קומען ארויס לויט זייערע הגדות פון דעם זיבענטען זוהן תוגרמה בן יפת בן נח, וואס האט געהייסען כזר. צווישען זיי האבען זיך אבער געפונען אויך אנדערע פעלקער, ווי קאבארדינצעס, טערקען אונ מאדיארען. עס איז דא איין אגדה, אז צווישען זיי זענען אויך געוועזען יודען פון די עשרת השבטים, וואס שלמנסר מלך אשור האט פארטריבען קיין מעדיען. די כוזרים זענען געוועזען א וואנדער־פאלק, וואס האבען געוואהנט אין געצעלטען אונ האבען געלעבט פון די יוסע סטאדעס בהמות, וואס זיי האבען געפאשעט, נאר דער מלך וואס האט געהייסען ביי זיי חאקאן, האט געוואהנט אין א געמויערטע שטוב. קיין גרויסען האנדעל האבען די כוזרים נישט געפיהרט. צו זיי פלעגען קומען סוחרים פון ווייטע מדינות, אפצוקויפען ביי זיי די פעלען אונ אנדערע פראדוקטען, ווייל זיי זענען געוועזען בעריהמט פאר ערענטליכע אונ ערליכע מענשען. ביסלעכווייז האבען זיי זיך פארברייטערט איבער די מדינות, וואס האבען זיך געפונען אין זייער שכונה אונ זענען אויסגעוואקסען א גרויס אונ א שטארק פאלק, וואס האט געהערשט איבער די אנדערע פעלקער. אין דעם זעקסטען יארהונדערט שפילען זיי שוין א גרויסע ראלע אין דער וועלט, זיי זענען שוין מיוחסים אונ דער מלך פון קאנסטאנטינאפאל יוסטיניאן איז זיך מתחתן מיט דעם חאקאן פון די כוזרים. אויך אין די בריף, וואס מען שרייבט צו איהם גיט מען איהם אב מעהר כבוד ווי דעם רוימישען פאפסט. איין אראבישער רייזענדער דערצייהלט, אז די סלאווען אונ די אנדערע שכנים זענען אלע אונטערטעניג דעם כוזרישען מלך אונ ער בעטראכט זיי אלע פאר זיינע משרתים. אין יאהר 854 האבען זיי געבראכט בעלי־מלאכות פון קאנסטאנטינאפאל אונ זיי האבען געבויעט א פעסטונג סארקעל, די ווייסע שטאדט, וועלכע די רוסען רופען איהר ביעלאיא וויעזשא, אויף דעם טייך דאן, כדי זיך צו שיצען געגען דעם פיינד. דיעזעס פאלק האט אין יענער צייט, ווען זיי זענען שוין געוועזען גרויס אונ שטארק, אנגענומען דאס יודישע גלויבען. ווי אזוי, אויף וואס פאר איין אופן דאס איז געקומען, דערצייהלט מען אזא מעשה:

א חאקאן פון די כוזרים בולאן, איז געוועזען זעהר א פרומער, א גאטס־פארכטיגער מלך. ער איז געוועזען איבערגעגעבען דעם גלויבען מיט'ן גאנצען הארצען. איהם איז אבער איינינע מאל געקומען צו חלום א מלאך אונ האט איהם אלס געזאגט, אז זיין כונה איז אפילו א גוטע ער מיינט אונ וויל אפילו דיענען גאט מיט'ן גאנצען הארצען אבער זיינע מעשים זענען נישט קיין גוטע, ער טוט נישט דאס, וואס מען דארף צו טון, ער דיענט נישט דעם אמת'ען ריכטיגען גאט. דער חאקאן איז דערפון געוועזען שטארק אונרוהיג. ער האט צו זיך גערופען א חכם, אונ האט איהם געבעטען ער זאל איהם פארענפערען, ערקלערען די שאלות, וואס מאטערען איהם אונ לאזען איהם נישט שלאפען, דעם חכמ'ס תשובה האט איהם נישט צופרידען געשטעלט, האט זיין הארץ נישט בערוהיגט. ער האט צו זיך גערופען די פארטרעטערס פון די צוויי וועלט־אמונות אונ יעדער האט געזוכט צו בעוויזען, אז נאר זיין אמונה איז די אמת'ע. דער חאקאן האט אבער בעמערקט. אז ביידע ברענגען אלץ ראיות אונ שטיצען זיך עפים אויף א דריטע אמונה, אויף די יודישע. דענסטמאל האט ער געפרובט יעדערען בעזונדער פרעגען, וואס פאר איין אמונה עס איז גיכער די אמת'ע. צי פון זיין מתנגד אדער די יודישע. יעדער האט איהם געענפערט, אז די יודישע איז אמת'ער. אז זי איז די קוועלע פון וואנעט ביידע שעפען. דער חאקאן האט זיי אוועקגעשיקט אונ האט גערופען א יודען, ער האט מיט איהם געהאט א וכוח, דער יוד האט איהם דערקלערט די עקרים פון דער יודישער אמונה אונ דער מלך מיט אלע זיינע שרים האבען אנגענומען דאס יודישע גלויבען. דער יוד, וואס האט געהאט דעם וכוח מיט דעם מלך אונ האט איהם מנצח געוועזען, האט געהייסען יצחק סנגרי. זיין מצבה האט מען געפונען אויף דעם בית־הקברות פון דער שטאדט טשופוט־קאלא (סלע היהודים) אין קרים, אונ היינט געפינט זי זיך אין פעטערסבורגער מוזעאום.

ענדע קומט.

ש. י. סטופניצקי.

לעבען און געזונט זיין.

(די צייט פון ניס, עפעל און שווארצע בערלעך.— צו א רפואה.— דער אסיען־ווינט א גוטער מלאך.— נאסע פיס.— שול־פאנטאפעל פאר קינדער.— ביים אויוועז זיצען — א פעלץ היטעל.— א האפנונג פאר לונגען־קראנקע — א זיכערע רפואה געגען קאטאר. — געשוואלענע מאנדלען.)

מיר זענען איצט אין דער צייט פון נ י ס מיט ע פ ע ל. מען זאל די ניס נישט האלטען בלויז פאר א נאשעריי, צו נאשען נאך טיש אדער „שבת־אויבסט"; ניס איז א נייטיג און ביליג הויז־מיטעל פאר בלאסע און מאגערע מענשען און ווען זיי זאלען עס עסען יעדען טאג וועלען זיי מעהר פועל'ען ווי אין ווארמבעדער אריין צו פאהרען. דאקטאר מ ו נ א ז האט געפונען אין די ניס א מין אלקאלאאד, וואס מאכט אויף דעם מענשליכען גוף מערקווירדיגע פעולות. (אלקאלאאד רופט מען שארפע שטאפען, וואס געפינען זיך אין געוויסע פלאנצען. צום ביישפיל ניקאטין אין טאבאק).

ווען א געזונטער מענש עסט אויף עטליכע טעג כסדר צו מיטאג און אבענד צו אכט וועלשענע ניס, ווייזט זיך אין אפאר טאג, אז עס איז מעהר בלוט צוגעקומען אין די הויט. די פארב פונ'ם פנים און פון די ליפען איז פרישער און געזונטער געווארען, די בעוועגונגען פונ'ם הארץ זענען קרעפטיגער און שטארקער. דער דאקטאר האט געפרובט ביי פארשידענע פארשוינען און עס האט ביי אלע געהאט די זעלבע פעולה: עס איז צוגעקומען בלוט, וואס מען האט עס דערקענט אן הארץ.

דעריבער מוז די היימישע ביליגע רפואה זעהר גוט ווירקען ביי בלוט־ארימע מענשען, ביי בלאסע פנימער, ביי סקראפולאזע, ביי קראנקהייטען וואס צעהרען אב, ביי מאגערע מענשען און צומאל אויך ביי נערווענליידענדע. די אלע זאלען עסען אסך ניס, מינדסטענס אכט ניס ביי מיטאג און אכט אבענד.

דאגעגען מוזען זיך היטען פון ניס עסען: פולע פארשוינען, וואס האבען א סך בלוט און זאפט.

ביי ניס עסען מוז מען אבער אכט געבען, זיי גוט צו צעקייען ביז זיי זענען אין מויל ווי א קאשע פארמישט מיט'ן שפייעכץ.

פאר עפעל ברויכט מען נישט ערשט צו בעווייזען, אז זיי זענען געזונט צום עסען. זייט די עלטסטע צייטען איז בעקאנט, אז עפעל האבען א גרויסען ווערט אלס א היימישע רפואה. איין עפעל צו עסען פאר דעם שלאפען געהן איז א רפואה צו אלעם, עס מאכט גוט דעם שלאף און רעגולירט דעם שטאף־וועקסעל אין דעם בלוט. שוין אין אונזער שיר השירים זענען דערמאנט עפעל פאר א היילמיטעל.

זעהר געשעצט אלס א הויז מיטעל ווערען איצט די שווארצע בערלעך (טשארני בארוקי, היידעלבערען). איינגעפיהרט אין די נייע היילקונסט האט זיי פראפעסאר ווינטערניץ. ער האט זיי בענוצט ביי די וואס ליידען אויף א שוואכען מאגען, וואו עס העלפט שוין נישט קיין שום מיטעל, ער האט זיי געגעבען צו עסען רויה אדער ווען מען בעקומט נישט רויע בערלעך האט ער גענומען געטרוקענטע און אויסגעזאטען. מען בעגיסט די טרוקענע בערלעך מיט קאלט וואסער, שטעלט זיי צום פייער, מען לאזט זיי צוויי שעה קאכען און אלע מאל דורכמישען ביז די גאנצע מאסע ווערד ווי א סאק. מען זייהט דאס אב דורך א ליינוואנטען ריי טיכל און מען פרעסט אויס דעם זאפט פונ'ם טיכל אזוי ווי מען מאכט ראזינקע־וויין. דעם סאק שטעלט מען אויף א קיהל ארט און דאס איז די בעסטע רפואה געגען א שוואכען מאגען. מען נעמט פון דעם סאק איין ביז דריי טיי־גלעזער א טאג. פראפעסאר ווינטערניץ האט דאס גענוצט געגען דער קראנקהייט „עקזעם". דערצו מוז מען דעם סאק אבער לאזען שטארק אויסקאכען, עס זאל בלייבען נאר איין עסענץ. דער עסענץ היילט אויך ביי אבבריהען, ווען עס איז נישט א געפעהרליכער גראד. פראפעסאר שטרומפ בענוצט שווארצע בערלעך ביי געוויסע געדערם־קראנקהייטען.

אין עסטרייך האט מען שוין אויפגעהערט צו האלטען די שווארצע בערלעך פאר א באבסקע רפואה, מען רעכענט עס פאר אפטייק־מיטעל, וואס האט א זיכערע הייל־פעולה.

די בלעטער פון די שווארצע בערלעך האבען שוין פיעל דאקטוירים בענוצט ביי צוקערקראנקהייט. אנדערע דאקטוירים געפינען אבער נישט דערין קיין זיכער מיטעל.

דער אסיען. מעהר ווי אומעטום פיהלט מען אין אונזערע געגענדען די שארפקייט פונ'ם אסיענווינט. וועניג בערג האבען מיר אין אונזערע מדינות און די רויהע צפון־און מערב ווינטען האבען א פרייען וועג אונז אבצופאטשען די פנימ'ער און אונז דורכצונעמען דורך די קליידער מיט א פייכטען קאלטען הויך, אזוי אז מיר שפירען איצט די קעלט ערגער ווי אין די ווינטערדיגע פרעסט. אבער מען זאל דעם ווינט נישט האלטען אין גאנצען פאר שלעכט, ער האט אויך א מעלה, וואס איז פאר אונז זעהר נייטיג. אין דער אונגעזונטען צייט, וואו די נאטור שטארבט אב און די לופט איז אנגעפולט מיט שעדליכע באקטעריען, מיט נעפעל און פייכטיגקייט, וואס זענען גורם אלערליי קראנקהייטען, איז זעהר נייטיג א שטארקער ווינט, וואס רייניגט די לופט און פיהרט אוועק אלעס, וואס געפינט זיך אין איהר. דער ווינט איז א גוטער מלאך.

דער גוף קאן די קאלטע ווינט־בעוועגונגען און בעשטענדיגע ענדערונגען אין דעם וועטער נישט ליידען און פיעלע איידלע און איבערהויפט פארצויגענע קינדער און פולע עלטערע מענשען פארקיהלען זיך לייכט ביי די רויהע אסיען־ווינטען. אבער מען קאן און מען זאל זיך געוויהנען דאס יא צו קאנען ליידען, אז עס זאל נישט שאדען. מען קאן זיך צו נייער לופט צום בעסטען געוויהנען, ווען מען טוט זיך אויס ביי נאכט פאר'ן לעגען נישט בלויז די אויבער־קליידער, נאר אויך די וועש און מען טוט אן צום שלאפען אנדערע קאלטע וועש און אזוי אויך ביים אויפשטעהן. דאס דערפרישט דעם גוף און געוויהנט איהם צו פארטראגען אלע לופט־פארענדערונגען. עס איז אויך גוט ביים אויסטון און אנטון דאס לייב אבצורייבען אדער אבצובערשטען מיט א הארטע בארשט. דורך דעם ווערד די הויט אבגעהארטעט אזוי ווי די הויט פונ'ם פנים און די הענט. עס איז אויך נייטיג פאר די געזונטהייט יעדען אין דער פריה זיך דעם אויבערשטען האלבען גוף אבצוואשען מיט קאלט וואסער און מיט א הארטען טוך אבצורייבען. ווען מען געוויהנט זיך צו דעם און מען פיהרט זיך תמיד אזוי, איז מען זיכער, אז מען וועט זיך קיין מאל נישט צוקיהלען און מען וועט קענען ליידען די רויהע אסיען־ווינטען, מען מוז נאר זיך אבהיטען אין דרויסען אויפ'ן ווינט נישט צו רעדען, כדי דער

ווינט זאל נישט אריין אין די לונג. דעם אטעם מוז מען תמיד ציהען מיט די נאז, וועלכע רייניגט די לופט אונ דערווארעמט זי.

נאסע פיס זענען ווינטער זעהר שעדליך. אם מייסטען פארקיהלט מען זיך דורך נאסע פיס. נאסע פיס זענען אבער נאר שעדליך ווען זיי שטעקען אין שיך. בארפוסדיגע פיס שאדען נישט אזוי. וויפיעל מאל הערען מיר יודישע מאמעס זענען מקנא ארימע קינדער פונ'ם דארף, וואס לויפען אין די גרעסטע קעלט אונ בלאטעס ארום בארפוס אונ עס שאדט זיי גאר נישט, נאר זיי, די שטעדטישע ווייבער זענען נעביך אזוי אומגליקליך, אז קוים איז צעריסען געווארען א שיכל ביי זייערס א קינד, אהא, ער האט זיך שוין פארקיהלט! דאס איז אבער גאר נישט קיין סודות אונ נישט קיין מזל־זאך. אז א בארפוסדיגער פוס ווערד נאס טרוקענט ער באלד אויס אונ אפילו ער איז א גאנצע טאג אין די בלאטעס שאדט אויך נישט, ווייל די דארפס־קינדער לויפען בעשטענדיג ארום, דערווארעמט זיך דער פיס אפילו אין דער בלאטע. די שטעדטישע קינדער אבער, וואס געהען תמיד אין שיך אונ גראד ביים נאסען וועטער — אזוי ווי עס איז שוין תמיד — ווערד דער שוך צעריסען, וויקט דער פוס דעם גאנצען טאג אין דער קאל־טער בלאטע אונ קאן זיך נישט דערווארעמען, ווייל די קינדער זיצען אויף איין ארט אין שטוב, צי אין חדר; דעריבער פארקיהלען זיי זיך באלד. עס איז דורך דעם גוט צו געדענקען, אויב די פיס ווערען נאס אין צעריסענע שיך אונ מען קאן זיך נישט באלד אנטון טרוקענע שיך אונ טרוקענע זאקען, איז בעסער זיך אויסצוטון בארפוס, אז מען וויל נישט בעקומען א קאטאר.

אויך דורך גאנצע שיך ווערען די פיס ביי נאסען וועטער דורך־גענעסט, ווען מען האט נישט אויף די פיס קיין קאלאשען. אין אמס־טערדאם האט א חברה געזארגט פאר די שולקינדער אונ אנגעגרייט אין אלע שולען הונדערטער פאנטאפעל. ווען די קינדער קומען אין נאסען וועטער אין די שולע, טוען זיי אויס די שיך אונ טוען אן טרוקענע פאנטאפעל.

ווינטער זאל מען די קינדער קיין מאל נישט לאזען זיצען ביים אויווען. איז זיי קאלט זאלען זיי בעוועגונג מאכען, ארום לויפען, אר־בייטען, וועלען זיי זיך אויף נאטירליכען וועג דערווארמען. דער אויווען דערווארמט איין זייט אונ די אנדערע זייט בלייבט קאלט, אונ דאס איז זעהר נישט געזונט. עלטערע מענשען, וואס זיצען גערן ביים אוי־ווען, זאלען נישט זיצען תמיד מיט די פלייצים צום אויווען, זיי מוזען זיך אלע מאל אומדרעהען, כדי אלע זייטען זאלען גלייך ווארם זיין. אז נישט וועלען זיי באלד פיהלען יסורים אין די גלידער. ווער עס זיצט ווינטער ביים פענסטער מוז די וואנט אונטערן פענסטער בעהענגען מיט א טוה, כדי עס זאל נישט ציהען קיין קעלט אין די פיס.

זיך צופיעל „אנצופעלצען" ווינטער איז אויך נישט געזונט. אויפ'ן קאפ תמיד צו טראגען א פעלץ־היטל אונ ביי נאכט צו שלאפען אין א היטל איז גאנץ איבעריג. דורך דעם פאלען ארויס די האר פונ'ם קאפ אדער מען ווערד גרוי פאר דער צייט. פאר קינדער זאל מען ליבער זארגען, אז די פיס זאלען ווארם זיין אונ נישט אז דער קאפ זאל ווארם זיין. פון צופיעל ווארם האלטען דעם קאפ קאנען קינדער בעקומען איין אויסשלאג אויפ'ן קאפ. איבערהויפט ברענגט דאס צופיעל אנפעלצען צום פארקיהלען אונ פארקיהלען ברענגט אפט צו לונגען־קראנקהייטען.

לונגען־שווינדזוכט איז, ווי עס איז בעקאנט, איינע פון די שרעקליכסטע קראנקהייטען, וואס איז כמעט נישט דא קיין רפואה דערצו. ביי א פערזאמלונג פון א דייטשען הילפספעראיין פאר לונגען־קראנקע איז מען געוואהר געווארען פון א נייע, גאנץ פשוט'ע רפואה צו לונגען־שווינדזוכט. מען האט געפונען, אז אין א גיפס־פאבריק האבען א סך יאהרען 400 ארבייטער געארבעט אונ קיינער פון זיי איז נישט קראנק געווארען אויף לונגען־שווינדזוכט. א טייל קראנקע אר־בייטער, וואס זענען אין די פאבריק אריינגעקומען מיט דער דאזיגער קראנקהייט, זענען געהיילט געווארען. אין דעם הארץ־געביר־ג, וואו עס געפינט זיך תמיד גיפס־שטויב, מאכט דארט די לופט זעהר גוט שווינדזוכט־קראנקע. אין ווייסענבורג ביי בערן ווערען לונגען־שווינד־זיכטיגע געהיילט, ווייל דארט איז דא א ווארעמע קוועלע, וואס האט אין זיך פיעל גיפס. דאס וואלטען די דאקטוירים בעדארפט מעהר בעאכטען. אפשר וואלטען די טויזענטער לונגען־קראנקע, וואס מען האט שוין פאר זיי קיין רפואה נישט, דורך דעם איינפאכען מיטעל געהאלפען געווארען.

אים אסיען, וואו מען זאל ניט געהן אדער שטעהן הערט מען הוסטען אדער שנייצען — די רויהע נאסע ווינטען ברענגען מיט זיך קאטאר. דאס בעסטע פשוט'ע מיטעל געגען אזא קאטאר איז ציבע־לעס. מען צעשניידט די ציבעלעס אויף פירטלען, לעגט זיי אריין אין א כלי צוזאמען מיט צעמאהלענעם קאנדעלצוקער אונ מען דעמפט דאס טרוקען. פון דעם סאק נעמט דער קראנקער אלע צוויי שעה א קליינעם טיי־לעפעל. אזא סאק זאל מען תמיד האלטען אין שטוב אין א גוט צוגעשטאפט פלעשל. אזוי ווי איינער בעקומט א קאטאר זאל ער באלד דאס איינעמען. דאס וועט בעסער העלפען ווי אלע טייערע מיטלען אוס דער אפטייק. א קאטאר צו פארנאכלעסיגען איז געפעהרליך; עס קאן זיך דארויס מאכען א לונגען־קאטאר אדער האלז־קאטאר. ביי קאטארען, וועלכע טרעטען אויף ביי די לאנגע רעגענס מיט די מערב־ווינטען אים אסיען, ביי קאטארען, וואס ביי נאכט איז ערגער ווי ביי טאג אונ אין שטוב ערגער ווי אין דרויסען, איז דאס אויבען דערמאנטע מיטעל א זיכערע רפואה.

אים אסיען לידען טייל קינדער אונ אפילו גרויסע מענשען אויפ'ן האלז; די „מאנדלען" ווערען געשוואלען. צו דעם איז גוט צו נעמען צעמאהלענע ליענע־זאמען מיט צעמאהלענע אייביש־ווארצעל, אויסמישען מיט הייס וואסער אונ דאס אויפשמירען אויף א האנטוך אונ דעם האלז ארומבונדען.

ד"ר ב.

יודישע פרויענוועלט

I. אלגעמיינע נייעס.

— אין אדעסא האט מען היינטיגען חודש אין געגענווארט פון וויצע־מיניסטער לאקיאנאוו געעפענט העכערע פעדאגאגישע קורסען פיר פרויען.

II. יודישע נייעס.

— דעם 17 אקטאבער האט מען אין אדעסא געפייערט דאס 50 יעהריגע יובילייאום זייט עס האט זיך אין אדעסא געגרינדעט די ערשטע יודישע רעגירונגס־שולע פאר פרויען. צום יובילייאום איז געקומען דער בעוואוסטער יודישער נביר ל. א. בראדסקי אוים קיעוו דאס איז די איינציגע רעגירונגס שולע אין רוסלאנד ספעציעל פאר יודישע מיידלעך.

— אין פינסק איז געשטארבען די לעהרערין מאריע לאבאזאווסקא־דערענבורג, די פארשטארבענע איז זעהר בעליבט געוועזען ביי די פינסקער יודען. איבערהויפט האט מען איהר געשעצט פאר די אבענד־קורסען פאר יודישע מיידלעך, ארבייטארינס און דיענסטען, וועלכע זי האט איינגעפיהרט.

ווי זאל מען בעהאנדלען די דיענסטען?

(פארטזעצונג).

פון אנדערע זאכען. וואס געהערען צו א וואהנונג, ווי א שאפע, וואו צו האלטען די זאכען, א קאסטען, וואו צו האלטען די אומריינע וועש, דארף זיך א דיענסט אפילו נישט חלומ'ן. איהרע קליידער, די ריינע און אומריינע וועש ליגען אלע צוזאמענגעווארפען אין איין קאסטען.

אמת מען געפינט דערויף א תירוץ, דאס גאנצע פארדיענסט פרעסט אריין דאס דירה געלד, גענוג אז מען קאן פאר זיך אליין ווי עס איז איינארדענען א ריינע ווירטשאפט, זאל מען נאך פאר די דיענסטען אויך זארגען? דער תירוץ קאן אבער נאר גילטען פאר די וואס וואהנען אין די גרויסע שטעדט, וואו דארטען זענען באמת וואהנונגען שרעקליך טייער, אבער אין די קלענערע פראווינץ־שטעדט און שטעדטלעך, וואו דאס דירה־געלד איז זעהר וועניג, פאר וואס וויל מען דארטען נישט אבגעבען די דיענסט א בעזונדער חדר? און אפילו פאר די גרויסע שטעדטישע איז דאס אויך קיין תירוץ נישט, אויב זיי איז טאקי אזוי שווער דאס לעבען, זאלען זיי ליבערסט אבשפארען פון דעם גאסט־צימער, וואו מען לעגט אריין גרויסע סומעס געלד, וואס שיינער וואס מעהרער אויסצופוצען, כדי פאר פרעמדען זיך ווייזען רייך און נישט אבשפארען פון דער ארימער דיענסט און איהר לאזען שלאפען אויף דער הוילער פאדלאגע, ווי עס פאסירט ביי א טייל בעל־הבית'טעס.

יעדע בעל־הבית'טע דארף נישט פארגעסען, אז א דיענסט איז אויך א מאמעס א קינד, אז קיינע ווערד נישט געבארען קיין דיענסט, פונקט אזוי ווי קיינע ווערד נישט געבארען קיין בעל־הבית'טע און ווען איינעם מזל קומט אוים צו בעדיענען אנדערע האט זי דערמיט נאך איהר מענשען־רעכט נישט פארלארען. ווען די בעל־הבית'טע וויל, אז די דיענסט זאל איהר טריי זיין, דארף זי אויך זיין טריי דער דיענסט. אין די געבילדעטע לענדער, ווי ענגלאנד און פראנקרייך, איז איינגעפיהרט, אז די דיענסט מוז האבען איין עקסטרא צימער, וואו צו וואהנען, א שאפע, וואו צו האלטען איהרע קליידער און א קאסטען פאר ריינע וועש בעזונדער, און פאר אומריינע בעזונדער. אין טייל הייזער איז אפילו דא פאר די דיענסטען איין עטאזשער מיט אינ־טערעסאנטע ביכער צום לעזען, אפילו א פיאנינא צום שפיעלען. נאטירליך, קאן ביי אונז נישט זיין נאך די רעדע פון ביכער מיט פיאנעס, אבער א וואהנונג וואו צו וואהנען, א בעט מיט א מאטראץ, וואו צו שלאפען און איין ארט, וואו צו האלטען איהרע זאכען מוז יעדע דיענסט האבען. ווער עס קאן דאס נישט אויספיהרען דער טאר קיין דיענסט נישט האלטען.

איצט וועלען מיר זעהן וואס מען גיט אונזערע דיענסטען צו עסען.

מיר רעדען שוין נישט דערפון, וואס מען זעצט נישט די דיענסט, צוזאמען מיט דער גאנצער פאמיליע ביין טיש נאר מען ווארפט איהר צו אין דער פינסטערער קיך דאס עסען וואס מען גיט איהר, דאס וואלט שוין געוועזען צופיעל פארלאנגט, נאר וואס פאר מיני עסען גיט מען דער דיענסט!

אין דאס רוב בעל־הבתישע הייזער גיט מען דער דיענסט, דאס וואס עס בלייבט איבריג פון טיש, וואס קיינער וויל שוין נישט אין מויל נעמען. אמת, די ניאנעס, וואס זענען אויך אמען, גיט מען בעסער צו עסען, ווייל מען וויל אז דאס קינד וואס זי זייגט זאל האבען בעסערע מילך, אבער אזוי דיענסטען, קענען עסען אלץ וואס מען גיט זיי, די אמען פארשטעהען גאנץ גוט, אז דאס וואס מען גיט זיי בעסער צו עסען ווי איין אנדער דיענסט, איז נאר צוליב דעם קינד און נישט צוליב איהר גופא און איז דעריבער איהרע בעלי הבתים נישט וועניגער אונדאנקבאר ווי אלע אנדערע דיענסטען.

(ענדע קומט).

ל. ניימארק.

דער פרעזידענט פון דער „האמעלער חברה צו העלפען יודישע ארימע לייט" ד"ר זאלקינד האט אונז צוגעשיקט א בריף, וואו ער שרייבט אז 400 יודישע פאמיליעס זענען פון פאגראם געבליבען אן ברויט, די חברה מיט איהרע אייגענע קרעפטען איז ניט אין שטאנד צו העלפען אזא גרויסע צאהל פאראומגליקליכטע מענשען. דעריבער איז די חברה געצוואונגען זיך ווענדען צו אלע וואס פיהלען די שרעקליכע לאגע פון די פאראומגליקע, אז יעדער זאל צושיקען זיין נדבה. די הילף אבער דארף זיין באלדיגע, דען דער ווינטער קומט אן און די לאגע פון די פאראומגליקליכטע ווערד ערגער.

נדבות קאן מען שיקען אויף די אדרעסע:

Въ г. Гомель Мог. Губ. Гомельское общество пособія бѣднымъ евреямъ

נדבות פאר דער האמלער חברה צו העלפען יודישע ארימע לייט (דורך דער אדמיניסטראציאן „יודישע פאלקסצייטונג" קראקוי.)

י. ראמבערג 7 רובל. ל. שאלקאוויטש 3 רובל. ספעקטאר 2 רובל: מ. אייזענשטאדט, ש. גוטמאן, י. גלינטערניק כ"א 1 רובל, מ. קאפלא 50 קאפ. ס"ה 13,50 רובל.

רעדאקטאר: מ. ספעקטאר.
פערלאג „פאלקסבילדונג".

Herausgeber Verlag Volksbildung Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher Krakau Druck v. S. L. Deutchrer, Podgorze b. Krakau

החתימה לשנת תרס"ד

על העתון השבועי המצויר לבני הנעורים

שנה שלישית **עולם קטן** שנה שלישית

המו"ל: הוצאת „תושיה" בורשה.

העורכים: א. ל. בן-אביגדור וש. ל. גרדון.

העתון המצויר האחד בספרותנו בכלל והיחיד ומיוחד לבני הנעורים שלנו בפרט.

שפת ה„עולם קטן" קלה וטבעית והסגנון נאה ומלבב.

ה„עולם קטן" הוא מנוקד כלו.

כל גליון מלבד שהוא נעים לקריאה ומלבב את נפש הקוראים הקטנים והצעירים, הנהו גם מעין חריסטומטיה מצוינה ללמוד שפת עבר. העתון נדפס על ניר יפה וברפוס מהודר והתמונות מצוינות ביפין וטובן.

מחירו 4 רובל לשנה

2 רובל להצי שנה, 1 רובל לרבע שנה.

החותמים בפעם אחת לשנה שלמה מראשית שנת תרס"ד יקבלו בסוף השנה תשורה יפה חנם. דמי החתימה יוכלו לשלם גם לשעירין: 2 רובל בעת החתימה ושני הרובל הנותרים בראשית הרבע השני.

בתור הוספה מיוחדת ל„עולם קטן" ירחון פדגוגי בעד ההורים והמורים בשם:

„הפדגוג"

בו יבואו מאמרים מכל מקצעות החנוך וההוראה, החדשות במקצוע החנוך, החנוך העברי ביחסו אל החנוך הכללי, כרוניקה מעולם ההוראה העברית והמורים העברים, בקרת ספרי הלמוד והקריאה לבני הנעורים, ועוד.

מחיר „הפדגוג": 3 רובל לשנה, 1,50 רובל לחצי שנה, 75 קאפ' לרבע שנה. לחותמי ה„עולם קטן" 2 רובל לשנה 1 רובל לחצי שנה 50 קאפ' לרבע שנה.

חדשה לקוראנו!

הוספה חדשה ל„עולם קטן": ירחון מצויר לבני הנעורים בשם „הנעורים".

עוד לפני שלש שנים, בראשית גשתנו להוצאת ה„עולם קטן", הבטחנו להוציא שני עתונים לבני הנעורים: אחד לילדים ואחד לנערים. אבל אח"כ נוכחנו, כי כל עוד לא בראנו לנו קהל קוראים צעירים הגון — קשה יהיה להוציא את שני העתונים הנזכרים בבת אחת, ונהיה אנוסים להסתפק בעתון אחד, שהיה בעקרו לילדים ושאח"כ השתלשל ויהי לעתון מיוחד לילדים ועתה הננו שמחים להודיע, כי אחרי שנתחבב ה„עולם קטן" על קוראנו ומצבו התבסס יותר — הגיעה השעה, שנוכל להגשים את רעיוננו מכבר ולמלא את אשר הבטחנו בשלמות.

והננו נגשים עתה להוציא בתור הוספה שניה ל„עולם קטן" ירחון מצויר לבני הנעורים, בשם:

„הנעורים"

בו יבואו: שירים, ספורים, ספרי-מסע, תולדות אנשי שם, מאמרי מדע פופולריים, ידיעות ומקרי הימים, עם תמונות וציורים שונים. השפה תהיה נוחה והמלים הקשות תהיינה מנקדות, ובמקום הצרך גם מבארות.

החוברת הראשונה כבר יצאה מתחת מכבש הדפוס.

מחירו: לשנה 3 ר', להצי שנה 1,50 ר', לרבע שנה 75 ק'. לחותמי ה„עולם קטן": לשנה 2 רובל, לחצי שנה 1 רובל, לרבע שנה 50 קאפ'.

האדריסה ברוסיה: Издательство „ТУШІЯ" Варшава.

בשאר ארצות: Administration „Olam Katan", Krakau, Sebastyang. 32.

„ארגאניזאטאר" וואַרשאַ, לעשנאַ № 4.

דאס איינציגסטע מיטעל צום איפּראַטען נאַגניאַטקעס (הינער-איגען) באַדאַנקעס און פערהאַרטעטע הויט. צור פּרייז 30 קאפּ און 50 קאפּ. פאַרדערן איבעראַל.

(129) 25—26

פערלאג „פאלקסבילדונג".

ציוניסטישע ביבליאטהעק.

ב.

די מינסקער ציוניסטישע אסיפה.

פּרייז 10 קאפּ. מיט פּארטא 12 קאפּ.

ג.

דער זעקסטער ציוניסטישער קאנגרעס

פּרייז 8 קאפּ. מיט פּארטא 10 ק.

ציוניסטישע אגודות און בוים בעקומען ראבאט.

Издат. „Тушія", Варшава. — Verlag „Tuschijah", Warschau.

הוצאת „תושיה".

ספר חדש

ארץ ישראל.

ספר למוד הגיאוגרפיה של ארץ ישראל עם מפה בעלת צבעים בעברית מאת יהודה גרזובסקי.

וזה תכנו:

דברים אחדים.

פרק א: מקום ארץ ישראל, שמותיה, גבולותיה, גדלה וחלוקתה.

פרק ב: ההרים, העמקים והמדברות.

פרק ג: הימים והנחלים

פרק ד: שלטון הארץ, יושביה, עריה הגדולות ומושבות היהודים.

פרק ה: תוצאות הארץ, האקלים, תכונת הארץ ואחדים מחקי הארץ.

(252) מחירו 25 ק', פארטא 2 ק'. 3—5

Издат. „Тушія" Варшава. — Verlag „Tuschija" Warschau

בע"פ: נובוליפקי 7 מעון 9.

„הדגל"

מכתב-עתי בשפת עבר לכל עניני היהודים והיהדות בכל הארצות

יוצא לאור בלונדון אחת בשבוע.

„הדגל" מכיל 16 עמודים גדולים, ובו יבואו בכל גליון: מאמר ראשי, מכתבי סופרים מומחים ובקיאים, המפיצים אור על כל מראה וחזיון בעולמנו. הפרק מ„רחוב היהודים" מלא רב ענין וחדשות שנפלו ביעקב, בפרק זה עובדים סופרים בכל חלקי התבל ואיים רחוקים, המקדימים להביא לקוראינו את החדשות המענינות ממקומותיהם. בהודעות „חדשות ילדי-יום „הדגל" תמיד הראשון הזריז להודיען לקוראיו, בכל מקום שיש יהודים יש לו מודיעי-חרשות פיליטון: בכל גליון וגליון יביא ספור, ציור או תמונה מקורי או העתקה. כן יבואו ב„הדגל" מאמרי מדע, ומקום רחב הוקצע בו לבקרת ספרים חדשים שיוצאים לאור. — מודעות זה החלק הנכבד לבני עמנו הסוחרים, ובהיות „הדגל" נפוץ בין כל אחינו שבכל ארצות תבל תביאנה המודעות-המסחריות רב טובה למוכרים ולקונים.

מחיר „הדגל" לשנה 6 רובל, בערך זה להצי ולרבע שנה. לשלוח שטרות-רוסיא או מרקאות-הפוסתה בנות 10 קאפ' אל הרדקציה:

„Hadegel", 6 Tenter str. North London E.

או אל אחד מסוכנינו ברוסיה:

Издат. Тушія Варшава. — Редакцію Гацефира, Варшава.

Редакцію Гамелицъ, Ст.-Петербургъ,

Н. Кагановичъ, Варшава, Налевки № 38.

Л. Тыкочинскому, г. Бѣлостокъ.

!! נאך ניכט דאגעוועזען !!

פעדערהאלטער מיט קאלענדאר

זעהר נוטצבאר פיר יעדען וואס האלט נור א פעדער אין האנט, צו זעהען גענוי אין איין מאמענט, יעדען דאטום פון 1902 ביז 1907 יאהר.

פעדערהאלטער, מיט א יודישען לוח צום יאהר תרס״ד.

די פעדערהאלטער זענען זעהר שען אויסגעפיהרט.

עס ווירד ארויס געשיקט אויך פער נאכנאהמע 6 שטיק פיר 1 רובל פראנקא איבעראל. 5—1 (261)

ווידערפערקייפער בעקומען ראבאט.

В, ТЕНЕНБАУМЪ
Варшава, Гусья 27/40.

Зеркальный фабрикантъ
ЮДКА ВЕЙНБЛАТЪ,
Варщава, Слизская 22.

עמפפעהלט אללע סארטען פערטיגע שפיגעל, אויך אללע צודאטין פיר שפיגעל פאבריקאנטען, צו גראססע אונד קליינע פאבריקאציאן. די בעסטע עצות אין די פאבריקאציאנסגעשעפט אנגעלעגענהייט. ביליגסטע פרייזען.
(104) 25—25

פרנסה בכבוד.

מען זוכט **אגענטען** אין רוסלאנד און פוילין געגען גוטע בעדינגונגען צום פערקויף פון די אמת'ע בעסטע **פאנאגראפען**, וועלכע רעדען, שפיעלען, זינגען לאכען אין אלע שפראכען גאנץ נאטור-טריי צו ווענדען זיך מיט א רעטור-קארטע פאר 8 קאפ' אן די אדרעסע. (3—2)

Internationales Exporthaus
Krakau (Oesterreich) **Postfach** 77

בית־מסחר ספרים
ב. צ. שיינפינקעל
ווארשא זלאטע 63

מוכר, קונה ומחליף כל מיני ספרים בתנאים נאותים למאד. 50 22 (210

עֶלֶעקְטְרִישֶׁע

נייהייטען מאגאזין פאן
Б-тья Кан:усъ Варшава.
איז איבערטראגען אויף
(259) С-го Георгія 22 1—3

דאס בעריהמטע אבערארצט אונד פיזיקוס

דאקטאר ג. שמידט'שע

געהער־אֶעל

בעזייטיגט שנעלל און גרינדליך טעמפארערע טויבהייט, **אהרעהערלוס, אהרענזויזען** און **שווערינגקייטען** זעלבסט אין פעראלטעטען פעללען. אלליין צו בעציהען א מארק 3 50 פר. פלאשע מיט געברויכס-אנווייזונג דורך די

Apotheke von
PETER MIKOŁASCH
in Lemberg, (Oesterreich).

איינציגע ברוכבענדער, וועלכע היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך זינד נור **„אלעקסאנדערס"**

נייעס!! נייעס!!
ברוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע

היילען גרינדליך נאך קורצעם געברויך, און נאך 3 מאנאטליכען טראגען ווירד דער ברוך גענצליך אויסגעהיילט. — זיי האלטען גוט איין דעם בויך און דריקען נישט דעם קערפער, וועהרענד אהנע עלעקטריע איז דאס אונמעגליך. **בויכבענדער** פיר פרויען, עלאס-טישע גוממי שטרימפפע פיר גע-שוואלענע פיס, בריללען מיט ווענעציאנישע גלעזער, וועלכע שטערקען די אויגען, אפאראטע פיר העמערוידען, אויך אנדערע כירורגישע און אפטישע ארטיקעל עמפפעהלט צו פאבריקס פרייזען די לאנג יעהריגע פירמא

Хирургическо-Оптическій магазинъ
подъ фирмою **Александеръ**
Сенаторская 22, Варшава

דא עס האט זיך געצייגט אז מען מאכט נאך אונזערע ברוכבענ-דער, ביטען וויר אויפמערקזאם צו זיין אויף די אריגענאלע מיט'ן סטעמפעל פון אונזער פירמא.

וויר בעזיצען הונדערטע דאנקשרייבען פון די יענינע וואס האבען געטראגען אונזערע ברוכבענדער.

ביי בעשטעלונגען פער פאסט דארף מען נור איינשיקען דאס מאס פון קערפער הערום. — פרייז 1 זייטיגע 6 רובל, 2 זייטיגע 10 רובל. 149 21 50

די פירמא עגזיסטירט זייט 1885 יאהר.

Paryzkie nowe modele
rekomenduje znany magazyn
Okryć damskich, wierzchów do futer i kostjumów
D. Borodowski, Warszawa, Leszno 9 m 4.
Na żądanie wykonywam wszelkie obstalunki
w 24 godzin.
(148) 25—19

הודעה לחובבי ספרים!!!

בבית מסחר הספרים הנודע של

ה' מאיר היילפערין וחתני ה' **מיכל ראבינאוויץ במינסק**

אשר הוא מלא תמיד המון ספרים רבים חדשים גם ישנים יקרי המציאות בכל מקצעות ספרות ישראל: פוסקים, שו״ת, מפרשים, קבלה, מוסר, חקירה, דרוש, באורים, דקדוק, מליצה ושיר וכל ספרי למוד, נוספו עתה אלה הספרים, שקמו לו למקנה ושממכרם הראשי אצלו:

אשתדלות עם שד״ל, לר' יעקב בכ־ך, ב' חלקים, מחירו 1.50 רובל; **מהעבור ומנין השנים**, מהנ״ל — 1 רובל; **איוב עם באור מישר נבוכים** לר״ר שטראשין — 1 רובל; **איוב עם באור הד״ר סאלד מבאלטימארי** (ספר הראוי לעלות על שלחן מלכים מפאת טובו ויפי והדר כריכתו — 3 רובל; **הגרן** ס' שלישי, מאסף נכבד בחכמת ישראל מגדולי חכמי זמננו, יו״ל ע״י הרה״ח רש״א הארודעצקי; החלק הזה גדול בכמותו — 1.15 רובל; **דור רבניו וסופריו**, ס' ב' וג', מחיר כל חלק—50 ק' ויחד עם חלק הראשון שכבר אזל — 1.50 רובל; **מנחה חדשה**, דרושים ופלפולים כסדר הפרשיות להרה״ג ר״ג חן־טוב — 50 קאפ'; **מורה להועיל** ס' למיד ש״ע בהעתקה רוסית לר״מ בענצמאן 75 קאפ.; **הקשב**, ס' מדעי לה' גליקמאן ז״ל — 25 קאפ.; **דברי חיים**, חידושי גפ״ת וטיומי מס' — 40 ק' **חמדה גנוזה**, מאסף יקר הו״ל רצ״ה עדעלמאן ובו מכתב הידוע מהרמב״ם זצ״ל — 1.25 רובל; **תוספתא**, הוצ' צוקערמאנדל עפ״י כ״י, ששה חלקים — 3 רובל; **מעשה אפוד**, ס' דקדוק מפואר, להרב הקדמון הנודע ר' פריפוט דוראן — 1 רובל.

בית המסחר הנ״ל קונה ביבליאטיקאות שלמות, מחליף ומקבל בקאמיסיאן ספרים חדשים, כן גם יקבל חתומים ומודעות לכל מכה״ע והמאספים:

Книжный магазинъ Меера Гальперна г. г. Минскъ.

צום געלד זאמלען

איז זעהר פראקטיש די **10 קאפעקענע שפארזאם קאסעלעך.**

וועהרענד דורך א בשפארען 10 קאפ. טעגליך און אריין ווארפען אין קאסעלע, פון וועלכען מען קאן נישט ארויס נעהמען ביז עס קלויבט זיך אן 5 רובל, קאן מען זיך אנזאמלען א קליין קאפיטאל.

זעהר נייטיג פאר אגענ-טען, אינקאסענטען, איבערהויפט פאר פרויען און קינדער. 1—5 (262).

פרייז 2 שטיק נאר 1.05 רובל מיט פארטא.

В. ТЕНЕНБАУМЪ
Варшава, Гусья 27/40.

בבית־מסחר־ספרים של

ז. ש. שרעבערק, ווילנא, סטעפענג.
נמכרים כל מיני ספרים בתנאים נאותים.

Книжн. магаз. З. Ш. Среберка.
225 Вильна. 50—17

אומזוסט אהן געלד!!

שיקט מען יעדען א ביכעל וועגען שניידען און נייהען אלערליי מלבושים. אדרעסע:

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варщава.

ТОЛЬКО нѣсколькими рублями можетъ каждый завести постоянный хорошій заработокъ у себя дома. Объясненіе безплатно.
Адресъ: **Я. Найдичъ, Варшава.**

בבית מסחר הספרים

י. ראזומאווסקי בברדיטשוב

ובהמחלקה שלי **בווארשא, נאלעווקי** 34 אצל **א. צייטלענגאלד** נמכרים כל מיני ספרים במקחים נמוכים. (217) 50 20

חדשה חשובה!!!
ידות־העט עם לוח־השנה.

שש בקופסא אחת במחיר 1 רובל
וששה עשרה בקופסא „ 2 „

יש להשיג אצל הממציא עפ״י הכתבת:

Г. ЮФФЕ, Варшава. Павья 12.

פריוואט-אנשטאלט פון קינדבעטורין פון ד״ר **וואוועלבערג,** לעשנא 79, ווארשא נעהמט אן ארעמע קינדבע-טורינס אומזאנסט. פיר פערמעגלי-כע בעזונדערע צימער פאר צאהלונג. אומזאנסטער אמבולאטאריום פיר פרויען-קראנקהייטען פון 10 ביז 12 פריה. (20—17) 231

Оптическо-Хирурги-
ческой складъ
И. ПИКЪ
Налевки 35 Варшава



ברוכבענדער עלעקטרא-גאלוואנישע מיט גומי פעלאטין, וועלכע האלטען גענצליך איין דעם ברוך און דריקען נישט דעם קערפער. ברוך- און בויכבענדער פיר פרויען, עלאסטישע גומי-שטרימפפע פיר געשוואלענע פיס, גארסעטען פיר גארבאטע, קינסטליכע פיס און הענד, שטוצנע אויגען, ברילען מיט בעלגישע גלעזער פיר קורצע און שוואכע ראיה, ווי אויך אללע אפטישע און חירורגישע ארטיקעל אין גרויסען אויסוואהל צו זעהר ביליגע פרייזען עמפפעהלט אפטיק

י. פיק, נאלעווקי 35 ווארשא.

אלץ ווערד צוגעפאסט דורך ספעציאליסטען
234 — 25 14